STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05119

TSU DI SHOFTIM FUN PRAG UN MOSKVE

Permanent preservation of this book was made possible
by Ursula M. Cowgill
in memory of
Elayne R. Goldstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

„מאבק״־ביבליאטעק

צו די שופטים
פון
פראג און מאסקווע

ארויסגעגעבן דורך דער פארטיי
„לאחדות־העבודה״

פרייז 200 פר׳

די „מאבק״-ביבליאטעק איז בארופן צו געבן דעם אידשן לעזער, אין ישראל און אין חוץ-לארץ, א רייע בראשורן אין וועלכע סוועררן באהאנדלט אקטועלע פראגן אין ליכט פון דער ציוניסטיש-סאציאליס-טישער אידעאלאגיע אויף וועלכער עס באזירט זיך די פארטיי „לאחדות-העבודה״.

אין דער דאזיקער ערשטער בראשור ווערט באלויכטן אונזער שטעלונג צו דער נייער ווענדונג פון ראטן-פארבאנד לגבי דער אידן-פראגע, ווי זי איז געקומען צום אויסדרוק אין די משפטים פון פראג און מאסקווע.

דער מאטעריאל פון דערדאזיקער בראשור איז דערשינען אין דעם ארגאן פון „לאחדות העבודה״, אין דער העברעאישער וואכנשריפט „מאבק״, און ער אנטהאלט:

— דריי אויפטריטן פון דער „לאחדות־העבודה״ פראקציע אין דער כנסת

— אן ארטיקל פון מ. זינגער: „דער פראגער משפט און ארום אים״.

— 7 ארטיקלען פון ד. ליבשיץ (געחתמ׳עט „ת. ת.״ און אהן א חתימה):

א. „פינסטער אין די וועלט געווארן״.

ב. „דער פראגער משפט״.

ג. „די פראגער ריכטער אין תל־אביב״.

ד. „דער משפט ווערט פארטגעזעצט״.

ה. „צושטימונג אדער אפגרענצונג?״

ו. „די ציוניסטישע פשרה״.

ז. „די וואס בארעכטיקן דעם דין־מאסקווע״.

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן לויטן אדרעס: „מאבק״ תל אביב ת.ד. 1511.

אונזער תשובה

(פון דער רעדע פון ד. ליבשיץ אין דער כנסת, 24.11.52)

די פיר טעג וואס זענען אדורך זייט עס זענען אנגעקומען צו אונז די ערשטע ידיעות וועגן כאראקטער, היקף און ריכטונג פון פראגער משפט, איז נישט קיין גענוגענדער צייט־אפשניט, בכדי מיר זאלן זיך קענען באַרואיקן און א וודאי וועלן מיר קיינמאל נישט משלים זיין מיטן פראגער בלבול.

אבער שוין היינט ווערט אויך געפאדערט פון אונז יעדע זעלישע אנשטרענגונג, בכדי זיך נישט באגנוגענען מיטן געבן א פארם און אויסדרוק פאר דעם געפיל אליין. שוין היינט פאדערט זיך פון אונז צו געבן א תשובה און די תשובה דארף זיין א דורגעטראכטע און א שווערע, אנט־שפרעכענד צו דער לאגע און וועלכער מיר זענען אוועקגעשטעלט געווארן אין דעם משפט.

און דאס דארפן מיר זאגן זיך אליין און אנדערע: נישט מיר האבן אוועק־געשטעלט דעם פראגער משפט אויפן סדר־היום פון דער כנסת, פון מדינת ישראל און יידישן פאלק בכלל. ווייל א משפט מיט א פאליטיש־אינערלעכן כאראקטער, וואס ווערט געפירט אין א פרעמדער מחנה, קאן קיינמאל נישט זיין און דארף אויך נישט זיין א טעמע פאר רעאקציע און אפשאצונג נאר פון די פארטייען אליין — יעדע פון איר טריבונע, אויף איר אחריות און לויט איר אנשויאונג.

נאר — די פראגער ריכטער. וועלכע האבן זיך גענויטיקט אין א אלגעמיין יידישן ארגומענט, אלגעמיין־ציוניסטישן, אלגעמיין־ישראלי־שן, אלס מיטל פאר א חשבון ביים אינערלעכן גערארנגל, זיי האבן אונז פאר־וואנדעלט, אונז אלע, אלס צד אין דעם משפט, אלס פאראינטערעסירטער צד, אלס באשולדיקטער צד, אלס צד וואס נאר דורך א צופאל איז געווארן רעפרעזענטירט דורך די וועלכע שטייען היינטצוטאג פאר דער אויספאר־שונג אין פראג.

, די פראגער ריכטער זענען די וואס האבן גלייך ווי אונז אלע איינגעלאדן אלס צד אין דעם משפט. לויט דעם אנאָנימען אדרעס פון כלל ישראל — די אדרעס לויט וועלכער מיר פלעגן באקומען איינלאדונגען צו אנדערע משפטים, אין אנדערע רעזשימען, קעגן וועלכע מיר האבן געקעמפט צוזאמען מיט די בעסטע זין פון טשעכישן פאלק.

און מיר האבן נישט קיין אנדערע ברירה נאר אננעמען דידאזיקע איינלאדונג, ווייל מיר האבן נישט קיין מעגלעכקייט זיך ארויסצודרייען פון איר, ווייל פאר יעדן איז געווען אפגעשלאסן דער וועג צו אנטלויפן און אויסמיידן זי. דער וועג איז אפגעשלאסן דורך דידאזיקע פראגער ריכטער וואס האבן בפירוש פראקלאמירט אין דעם משפט, אז ישראל, ציוניזם און יידנטום איז איינס און דאס זעלבע, א אינטעגראלע גאנצקייט.

זיי וואס האבן דערקלערט, אז דו ביזט געצוואונגענערהייט א ייד (אפילו ווען דו ביזט נישט מער ווי א פיזיאלאגישער ייד אליין), געצוונ־גענערהייט ביזטו א ציוניסט און געצוונגענערהייט ביזטו א ישראלי, און זעלבסטפארשטענדלעך, געצוונגענערהייט וועסטו מוזן טראגן א אחריות פאר דידאזיקע „זינד" — „זינד" וועלכע מען איז באגאנגען און „זינד" וועלכע מען קען באגיין.

די פראגער ריכטער זענען די וואס האבן דערקלערט, אז דו קאנסט נישט בכלל *מותר* זיין אויף דיין יידנטום, דו קאנסט נישט מוותר זיין אויף דיין *ציוניזם* (און נישט נאר פאר איין דור, אויך נישט פארן דור פון דער גרויסער רעוואלוציע אין דער וועלט) און א וודאי קענסטו נישט מוותר זיין אויף דיין *ישראל* *היימלאנד*, אויף דער *איינציקער* און *לעצטער* *רעטונג* וואס איז געבליבן אין אונזער לאנד צווישן אונזער פאלק.

די פראגער ריכטער זענען געווען די וואס האבן געגעבן דעם *טראגיש־סטן* אויסדרוק פארן *טריאומף* פון דער ציוניסטישער טעזע.

א וודאי, אָן א טראָפן פון וועלכער עס איז שמחה וועלן מיר אננעמען אזא ביטערן און שרעקלעכן „נצחון״ ווען ער קומט גאר פון דער טשעכאסלאוואקיי, וואס האט געוווסט צו ווערן א שותף אין אונזער אויפבוי־ווערק דורך דרייסטע און מענטשלעכע טאטן פון הילף און רעטונג, עליה און העפלה. און אויב *דאס* איז איר שולד, וועט דידאזיקע שולד פארשריבן ווערן אלס דער גרעסטער היס־טארישער זכות פון טשעכאסלאוואקישן פאלק, וואס וועט נישט אפגעמעקט ווערן דורך דעם היינטיקן פראגער משפט.

און אָן א טראָפן שמחה וועלן מיר אננעמען דעם ביטערן און שרעקלעכן „נצחון״ אויך צוליב דער פשוטער סיבה, וואס אזעלכע „נצחונות״ הויבן זיך אָן צו קריסטאליזירן צו אונזער גרויסער מורא, אין *אנדערע* עקן פון אינ־טערנאציאנאלן האָריזאָנט, אין דער וועלט אין וועלכער מיר לעבן.

אבער נישט אורטיילנדיק פון דער טריבונע, געזעלשאפטלעכע און פאלי־טישע רעזשימען און זייער אינערלכן גערעגל — וועלן מיר זאגן, אז אויב עס איז נגזר געווארן צו פארוואנדלען אונזער פאלק אלס א *מיטל* פאר דעם־דאזיקן גערעגל בכדי צו דערליידיקן קעגנזייטיקע חשבונות, וועט נאך פיל שטארקער, מיט מער מאראלישער און לאגישער קראפט, דערהערט ווערן פון דאנען די מסקנה און אוראלטע פאדערונג: *שלח את עמי!*

שיק ארויס מיין פאלק וואס דו האסט אזוי פארמאוסט און באשמוצט פאר די פראגער ריכטער.

שיק ארויס *דאס* *רעשט* פון מיין פאלק, אויך דעם יידישן *אנוס* און זאל זיין יידנטום מער נישט דינען אלס געריכטלעכער אדער טאקטישער ארגו־מענט אין דעם קאמף פון דער מדינה און איר רעזשים.

זאל דאס זיין דידאזיקע תשובה־פאדערונג וואס ווערט געריכטעט צו *אלע* וואס זענען פאראנטווארטלעך פארן פראגער משפט.

און נאך א תשובה־פאדערונג ווערט געדרונגען פון דעם משפט, דאס מאָל געריכטעט כלפי פנים. דאס איז די פאדערונג *מער* און *שנעלער* צו פארשטארקן און פארפעסטיקן מדינת ישראל, בכדי אונזער *נאציאנאל־היים* זאל פארוואנדלט ווערן און א פעסטונג פון א זעלבסטשטענדיקן כוח, וואס זאל זיך קענען אנטקעגנשטעלן די בייזע ווינטן, וועלכע געפונען פאר זיך א אונטערשטיצונג פון פארשידענע זייטן.

און די דריטע תשובה־פאדערונג האלט איך פאר מיין פליכט צו ריכטן כלפי פנים שבפנים: צו דער ארבעטער־באוועגונג אין מדינת ישראל, וואס ווערט אויפגעפאדערט צו באהערשן אירע אינערלעכע שטרייטן, בכדי זיך צו־זאמענשליסן אויפן יסוד פון גייסטיקע און פאליטישע *זעלבסטשטענדי־קייט*, אויפן יסוד פון *טריישאפט* צו זיך אליין, צום פאלק. צו דער מדינה, אויפן יסוד פון *ציוניסטיש־ארבעטער* *טריישאפט*.

און עס איז נישטא קיין אקטועלערע און מער דרינגענדע תשובה אויפן פראגער משפט.

(„מאבק״, 28.11.52)

אן אילוזיעס און אן יאוש!

(די רעדע פון ד. ליבשיץ אין דער כנסת, 20.1.1953)

עס קען זיין, אז עס האט נישט קיין טעם דאס מאל צו באנוצן זיך מיט דעם געוויינלעכן פארלאמענטארישן נוהג, וועלכער פערפליכטעט אוועקצושטעלן א פראגע אויפן סדר־היום און מאכן דערויף א אפשטימונג, ווייל דידאזיקע פראגע נויטיקט זיך נישט אין קיינעם וואס זאל זי אוועקשטעלן אויפן סדר־היום. זי ווערט פון זיך אליין אוועקגעשטעלט, זי שטייט אזוי אז קיינער וועט זי נישט קענען אראפנעמען, איבערריקן. דאס איז דאך אונזער סדר־היום. דאס איז דער סדר פון די נאנסטע טעג וואס קומען אויף אונז איצט — די טעג פון ביטערער און נישט גלייכער פארהאנדלונג מיט די מאכטהאבער פון דער וועלט.

און אין דאזיקער פארהאנדלונג וועט די כנסת דערפילן איר פליכט, נישט נאר אלס פארלאמענט פון מדינת ישראל. הייינצוטאג איז זי גערופן צו דערפילן א פיל גרעסער, א מער אלגעמיינע שליחות, א אלגעמיין־יידישע שליחות.

ווייל אין דערדאזיקער פארהאנדלונג, ווער עס שטייט דא, פון דער זייט, איז לאוו־דוקא דער ישראלדיקער בירגער, לאוו־דוקא דער ציוניסט, נאר עס שטייט דא דער ייד, אין זיין גאנצער פשטות און טראגיק.

נישט מיר, וואס געפונען זיך דא, זאגן עס. — דאס זאגן זיי דארט, אפילו ווען זיי קומען און טשעפען צו דעם יידישן נאמען פארשידענע קעגנגע־זעצטע ביינעמען: נאציאנאליסטן און קאסמאפאליטן, בורזשויען און סאציאליסטן, ציוניסטן און היימאטסלאזע מענטשן. ווייל דידאזיקע אלע ביינעמען זענען דאך נאר „פערזענלעכע נעמען", אבער איינער איז דער „משפחה־נאמען": די יידישע משפחה.

און אין נאמען פון דער יידישער משפחה דארף די כנסת דערפילן איר שליחות, נישט דעריבער ווייל זי האט כוח מבטל מאכן דידאזיקע גרויזאמע גזירות, וועלכע ווערן ארויסגעגעבן דורך שטארקע הענט, אבער זי קען ווירקן, בכדי דאס וואס מען וויל דארט טון, זאל נישט געמאכט ווערן אין א פינסטערע נאכט, רואיק, שטיל, נאר עס זאל ארויס א געשריי, וואס זאל דורכ־רייסן די פינסטערניש פון דער נאכט — נישט בכדי זיך לייכטער צו מאכן, נישט אלס ערזאץ אדער אלס זעלישע באדערפניש אליין, נאר אלס א ציטער וואס גייט דורך פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן. און אויב עס איז אמת אז פיל וועגן פאר אונזער טעטיקייט און השפעה זענען איצט פארמאכט און פאר־שלאסן, פאליטישע און דיפלאמאטישע, איז פאראן עפעס פיל שטארקער אין דערדאזיקער אויפטרייסלונג וואס אויף אירע כוואליעס דארף געטראגן ווערן די הויכע פאדערונג: צוריקגעבען אונז אלע זאקלאדניקעס וועלכע געפינען זיך דארט אין אפגעשלאסנקייט.

מיר דארפן אויפהויבן דידאזיקע פאדערונג נישט בכדי זיך רייצן אדער זיך גרויס האלטן. אין דערדאזיקער פאדערונג איז פאראן נישט נאר מארא־לישע קראפט, נאר דאס איז א פארשלאג, א פאזיטיווער פארשלאג, און אפשר קען מען אויך זאגן, א קאנסטרוקטיווער פארשלאג; צוריקצוגעבן די זאק־לאדניקעס, די געפאנגענע.

און אין קשר מיט דעם אוועקשטעלן די פראגע אין דער כנסת, רוקט זיך

ארויס פאר דער ארבעטער־באוועגונג די גרויסע אויפגאבע: צו קעמפן קעגן צוויי געפערלעכע שונאים, די שונאים וואס בייסן אין די טעג אין דער נשמה פון יעדן ייד, פון ארבעטער און באזונדערס פון דער יוגנט. דאס זענען די אילוזיע און דער יאוש.

מיר דארפן זאגן, אז עס איז נישט פאראן מער קיין ארט פאר פיל אילוזיעס, אויך נישט פאר ווייניק אילוזיעס. און מיר געהערן נישט צו די, וואס אויך אין דידאזיקע טעג, צווישן פראגער משפט און מאסקווער משפט, זעהען זיי נאר א באשטימט „גרענעצל", נאר א דין ווענטל וואס טיילט זיי אפ פון די דאזיקע ריכטער, גלייך ווי מיר געהערן נישט צו די, וועלכע גרעניצן זיך אפ פון די וואס רעכטפערטיקן דעם פראגער משפט און זעצן פאר צו שרייען אז זיי זענען „א אינטעגראלער טייל" פון די ארגאניזאטארן פון די אלע משפטים.

אסתר ווילענסקא (מק"י): דאמאלס ביזטו מיט די אטלאנטער.

דוד ליבשיץ: געוויס האבן מיר נישט קיין שום וויכוח מיט די וועלכע קומען איצט שטערן מיר מיט די צווישנרופן און וועלכע גרייטן זיך צו דערפילן די ראלע פון א „רויטן יודנראט".

אסתר ווילענסקא (מק"י): דאמאלס העלפסטו די אונטערצינדער דער מלחמה.

דוד ליבשיץ: לאמיר קעמפן קעגן יעטוועדער אילוזיע, און מיט אפענע אויגן קוקן אויפן אונטערנאציאנאלן האריזאנט וועלכער ווערט שווארץ סיי אין מזרח און סיי אין מערב. מיר וועלן זיך נישט פרייען ווי אנדערע קעגנאיבער די אנטוישונגען און אומגליקן וואס קומען אויף אונז פון מזרח, גלייך ווי די זון פון מערב זאל זי אנהויבן שיינען. טא לאמיר בעסער אין דידאזיקע טעג זיך וואס ווייניקער פארמעסטן.

און מיר וועלן קענען באזיגן דעם יאוש, אויב מיר וועלן נישט נאר שרייען נאר אקטיוויזירן אונזערע לעצטע כוחות, בכדי צו פארשטארקן און מאכן פילבאר די נאציאנאל־יידישע סאלידאריטעט, וואס זאל נישט זיין א פוסט ווארט און א פרומער ווונטש, אויב עס וועט נישט ווערן אויסגענוצט פאר פארפעסטיקן די אויסניצער אין פאלק און אויב דידאזיקע סאלידאריטעט וועט געבויט ווערן נישט אויף צעריסענע אברים פון דער ארבעטער־באוועגונג, נאר אויף קאאפעראציע, ווי ווייט מעגלעך פולער שותפות. אויסערהאלב די פארטייאישע גרעניצן און ראמען — בכדי וואס שנעלער פארגרעסערן אונזער זעלבסטשטענדיקן כוח קעגנאיבער די אלע וועלכע ווילן אונז פארניכטן. בכדי אויסצוטריקענען די אלע מקורות פון ליידן, ביטערניש און אפגעלאזנקייט פון וועלכע עס ציהען די יניקה אלע שונאי־ציון וואס געפונען זיך ביי אונז, און צום סוף, בכדי מיר זאלן קענען אפהיטן אונזער גרעסט פארמעגן: די יוגנט.

ווייל מער פון אלע ווערט די יוגנט געווארפן צווישן אילוזיעס און יאוש. אבער אין דער יוגנט איז נאך פאראן גענוג כוח וואס וועט אונז נישט אנטוישן, ווייל דידאזיקע יוגנט איז נאך טריי, אויך נאך דעם ווי פיל וויזיעס און האפנונגען זענען פארקריפלט געווארן. זי האט זיך נישט מתיאש געווען פון איר סאציאלער באשטרעבונג און נישט פון איר נאציאנאלער שליחות. די ביידע זענען באהאפטן אין דער נשמה פון דער יוגנט, וועלכע וועט אויך איצט נישט אנטוישן.

צו וועלן נישט אנטוישן די וועלכע פירן און לייטן דאס פאלק און די מדינה? און דאס איז דאך אונזער סדר־היום, וועלכער אפילו אן פארלאמענטארישן נוהג שטייט פאר אונז אלע היינט־צו־טאג. („מאבק", 23.1.53)

קעגנאיבער דעם „פראנט פון 18"

(פון דער רעדע פון ד. ליבשיץ אין דער כנסת, דעם 16.2.1953)

אויב עס איז ריכטיק, אז די דיסקוסיע, וואס וועט זיך באלד פארענדיקן, דארף פון פארלאמענטארישן שטאנדפונקט זיך אפשליסן מיט דער אפשטימונג וועגן אומצוטרוי וואס איז אריינגעברכאט געווארן דורך דריי פראקציעס, (מפ"ם, מק"י און די פראקציע פון סנה), דארף מען דאך געדענקען, אז דערדאזיקער פארשלאג עקזיסטירט קיינמאל ניט אן און פאר זיך אליין. דער גאנצער טעם און באדייטונג פון דעם פארשלאג איז דאס וואס ער איז צונויפגעבונדן מיט די באדינגונגען פון דער צייט, ווען אזא פארשלאג ווערט געשטעלט צו דיסקוסיע און צו אפשטימונג.

און מיר שטייען איצט אין א צייט פון א ריס (איך וואלט געוואלט באלד צוגעבען און צו האפן: א פארבייגייענדער ריס, אבער דעריבער איז ער נישט ווייניקער ערנסט) מיט א גרויס־מאכט, וואס האט געפונען פאר נויטיק איבערצורייסן די באציאונגען נישט מיט וועלכע עס איז רעגירונג, נישט מיט וועלכע עס איז פארטיי, נישט מיט א וועלכע עס איז פאליטיק — נאר מיט דער מדינה אזוי ווי זי איז, מיט דער יידישער מדינה אזוי ווי זי איז — די מדינה וואס איז פון איר נאטור אויס עפעס מער ווי א צוזאמענשטעל פון פארטייען, עפעס מער ווי א צוזאמענשטעל פון פארשידענע באשטרעבונגען און אריענטאציעס. ווייל די מדינה איז א תנאי און א באזע צו יעטוועדער פאליטישער שטרעבונג פון יידישן זעלבסשטענדיקן כוח פאר היינט און פאר מארגן. און אויף דער באזע פאר אונזער מלוכה־עקזיסטענץ און פאליטישע זעלבסטשטענדיקייט איז ארויס די גזירה פון איבעררייסן די באציאונגען.

דאס איז דאך די ערנסטקייט פון דעם קאנפליקט, וואס איז נישט צווישן פארטייען און באשטרעבונגען — נאר צווישן מדינות. און דעריבער, דארף מען נישט אראפנידריקן אים פון דער הויכער שטאפל ביז צו דער מדרגה פון צווישנפארטייאישע סכסוכים.

מיר דארפן זיך אויך נישט לייכט מאכן די ארבעט דורך לייכטע פאפירערישע אויפקלערונגען, ווי יענע אויפקלערונג וואס ליגט אין יסוד פון דעם דרייפאכיקן פארשלאג וואס איז דא אריינגעבראכט געווארן, ווייל דידאזיקע אויפקלערונג איז ווייט פון אמת.

עס איז נישט אמת די אויפקלערונג וואס שטיצט זיך אויף יענע פינסטערע נאכט, ווען עס איז אויסגעפירט געווארן דער טאט, דער אטענטאט וואס שטאמט אדער פון א פארקריפעלטן פארשטאנד און געפיל אדער פון א פינסטערע פראוואקאציע, וואס האט אין ווייניק גלייכן אין דער וועלט. און עס איז נישט ריכטיג די אויפקלערונג וואס שטיצט זיך אויף די פארשידענע רעדעס וואס זענען דא געהאלטן געווארן, מיט וועלכע מיר האבן נישט קיין פליכט און נויטיקייט זיך סאלידאריזירן מיט זייער טאן און פארם.

אזא אויפקלערונג — אויב מען זאל זי באטראכטן אלס תמימות'דיק — פרובט צושרייבן דער פירערשאפט פון ראטן־פארבאנד א שוואכקייט פון עמפינדלעכקייט און נישט קענען זיך באהערשןביים באשטימען וועגן און באציאונגען, א שוואכקייט וואס איז דארט אומבאקאנט בכלל.

און אויב קיין תמימות איז נישטא, איז דא פאראן א בייזער ווילן צו פאר־וואנדלען דידאזיקע אויפקלערונג אין א ר ע כ ט ס פ ע ר ט י ק ו נ ג, ווייל אין דערדאזיקער אויפקלערונג איז נישט פאראן קיין אנשטרענגונג צו פ א ר ר י י נ י ק ן דעם ריס, נאר פארקערט: א י ם צ ו פ א ר ט י פ ן, א י ם צ ו פ א ר פ ע ס ט י ק ן, אים צו באגרינדן.

און די גאנצע אויפקלערונג, מיט איר גאנצער לאגיק, ווערט פארוואנדלט אין א רעכטפערטיקונג נישט נאר פון דעם א ק ט פון איבעררייסן דיפלאמאטישע באציאונגען, נאר — באוואוסט אדער אומבאוואוסט — ווערן פון פארויס רעכט־פערטיקט אלע ר ע ז ו ל ט א ט ן, אלע א נ ט װ י ק ל ו נ ג ע ן און אלע ג ע־ש ע ע נ י ש ן, וועלכע קאנען מיט דעם אקט דירעקט אדער אומדירעקט זיין פארבינדן.

און דאס איז א זער שווערע פאראנטווארטונג, וועלכע קיין שום פארטיי, אפילו א גאנץ וואגיקע, קאן עס נישט ביישטיין און וועט נ י ש ט ק ע נ ע ן עס ביישטיין.

הינטער דעם פארשלאג, דעם פארשלאג פון די 18 פארשטייער פון מק״י, מפ״ם און חזית השמאל — איז נישט פאראן קיין שום א ח ר י ו ת, נישט קיין ארבעטער, נישט קיין מלוכהדיקע און נישט קיין שום יידישע אחריות. הינטער אָט דעם פארשלאג איז נישט פאראן קיין פ ו ל מ א כ ט, נישט פון ווילער און נישט פון חברים. אזא מ א נ ד א ט איז נישט געגעבן געווארן יעדענפאלס א טייל פון דעם פראנט פון 18.

עס זיצט נישט דא קיינער וועלכער קען זיך זען אדער מען קען אים זען אלס „פאראנטווארטונגס־מאן״ פון איין בלאק, גלייך ווי עס זיצט נישט דא קיינער וועלכער קען זיך זעהען אדער מען קען אים זעהען אלס „פארטרויאונגס־מאן״ פון דעם צווייטן בלאק. מיר אלע האבן א י י ן פולמאכט, וועלכן מיר שעפן פון די מקורות פון דער יידישער מדינה און פון יידישן פאלק. און די פולמאכט איז גוזר אויף אונז נישט משלים צו זיין איצט מיט דעם ריס מיט די פעלקער פון סאוויעט־רוסלאנד און מזרח־בלאק און גלייכצייטיק גוט בודק זיין אונזער לאגע און אונזער וועג אין גאר דער וועלט און אויך אין דעם ווינקל וואו מיר געפינען זיך.

אין אט דער לאגע און קעגנאיבער דער ערנסטער ווענדונג מצד סאוויעט־רוסלאנד האבן מיר נישט קיין נויטווענדיקייט זיך צו טרייסטן מיט דעמאנסטראַטיווע פארשלאגן און אפשטימונגען. מיר פילן אבער פאר נויטווענדיק צו קאנצענטרירן און מאביליזירן אונזער פולע אחריות, כדי אויסצוקריסטאליזירן א פאליטיק וואס שטיצט זיך אויפן ביטערן און טראגישן רעאליזם אין דער לאגע פון מדינת ישראל און יידישן פאלק.

(„מאבק״, 20.2.53)

פינסטער איז די וועלט געווארן

דאס איז נישט קיין גוזמא. אויך נישט
קיין מליצה. דאס איז א געפיל, כמעט
א פיזיש, וואס האט ארומגענומען מא־
סן און יחידים, ווען עס איז אנגעקומען
„די" ידיעה פון מאסקווע.

גלייך ווי די זון וואלט אונטערגע־
גאנגען אויף א נישט־נאטירלעכן אופן:
דאס מאל אין מזרח — דארט
ווי זי איז אויפגעגאנגען און
געשיינט מיט צענדליקער יארן
צוריק. און א קאלטער ציטער נעמט
דורך דעם מענטש ביים סוף פון א
גאנצן דור, די פינסטערקייט פאר־
שפרייט זיך ביז גאר: וימש חושך...

מיר האבן זיך נישט אויסבאהאלטן
פון די גרויסע און תמיד גרעסערע
פלעקן וועלכע האבן אויך ביז איצט
באשווארצט און מיאוס געמאכט די זון
פון דער גרויסער רעוואלוציע אין דער
געשיכטע פון דער געזעלשאפט. אבער
זאל זיך נישט בארימען און זיין צופרי־
דן אויך דער ניכטערער ביי אונז צו־
קוקנדיק זיך צו דעם גרויסן און שרעק־
לעכן אונטערגאנג, ווייל ער וועט נאר
עדות זאגן אויף זיין פארקריפעלטע
געפילן און באוואוסטזיין — אלס
איד, אלס ארבעטער, און אלס מענטש.

ווייל ס'איז שווער צו איבערטרייבן
ווי גרויס און שרעקליך איז די „ווענ־
דונג", — סיי בנוגע די ווארצלען
פון וועלכע זי איז אנטשטאנען און
סיי בנוגע די רעזולטאטן, צו
וועלכע זי ווערט אנגעוויזן און גע־
טריבן.

עס וועט זיין נאאיוו אדער וועלן זיך
אויסדרייען צו געפונען דעם שורש
אויסשליסלעך אין דעם ספעציפישן בא־
דן פון דער „יידן־פראגע". ווייל דאס
„פינטעלע ייד" איז נישט מער ווי א
באגלייט־דערשיינונג פון יעדן רע־
זשים — ביי זיין אויפגאנג און ביי זיין
אונטערגאנג, אין זיין בליאונג און פאר־
וועלקונג. און דאס דערשיינען פון דעם
„פינטל" אויפן גוף פון דעם רע־
זשים, זאגט נאר עדות פון א ירידה
און ענטארטונג.

אט ווערט ענטארטעט פאר אונ־
זערע אויגן די גרויסע רעוואלוציע, א
פארפוילקייט איז אריינגעדרינגען אין
אירע ביינער און אייטער אין אירע
ארטעריעס — די וועלכע האבן זי פון
אינערלעך פארסמט אנהויבנדיק פון די
ערשטע רייניקונגס־משפטים ביז די
לעצטע טעג פון די משפטים אין פראג,
בערלין און מאסקווע.

און אויך נאך די פייערונג פון 35 יאר
נצחון פון דער רעוואלוציע, האט דער
דאזיקער רעזשים נישט באוויזן אי־
נערלעך זיך „אויסרייניקן" און זיך
פארהיטן פון „סאבאטאזשניקעס" און
„אגענטן".

ווייל נאר אין א רעזשים פון אגענטן
קאן מען אין יעדן מענטש און בירגער
זעהען א פאקטישן אדער א מעג־
לעכן אגענט. ווייל אין דעמדא־
זיקן רעזשים, זענען נויטיק נישט די,
וואס זענען טריי צו עפעס, צו א
וויזיע, צו א שליחות, צו אן אמת, נאר
וואס זענען עמיצן טריי, וואס זאל
זיין אן אגענט פון געבורט אן, וועל־
כער אפאנירט נישט, נאר איז מקיים
אלץ וואס מען הייסט אים.

דאס איז דער רעזשים אין דער פארם
פון א לייטער מיט אלע אירע שטאפ־
לען: ארויף און אראפ. און אין יעט־
וועדן שטאפל פון דער לייטער קאן
מען זיך נישט פארלאזן אויף דער טריי־
שאפט פון אונטן און שוין פון אויבן.

דאס איז דאך דער פולקאמענסטער
רעזשים, דער רעזשים פון אומצו־
טרוי, אלס כלל, אלס מצוה, אלס

פרינציפ, אלס באזע אויף וועלכער עס שטייט דידאזיקע לייטער און אויפגעשטעלט דידאזיקע פיראמידע פון „געטרייע" אדער „פרעמדע" אגענטן.

ווי אזוי האט געקאנט געשעהען, אז די גרויסע רעוואלוציע איז בארויבט געווארן פון איר גרעסט פארמעגן און געווארן אויסגעליידיקט פון צוטרוי און גלויבן? און ווי אזוי האט געקאנט די רעוואלוציע זיך אראפקייקלען פון איר גלאנץ פון דער אקטאבער־עפאכע צו דער נידריקער שטאפעל פון יאנוארטעג, אז עס זאלן נישט אויפגעטרייסעלט ווערן די אינסטיטוציעס פון דעם רעזשים און די מדינה?

איינע פון די תשובות איז געגעבן געווארן אין די ווערטער פון ז'אן ז'אַרעס וועגן די ענדערונגען וועלכע זענען פארגעקומען אין א אנדערע גרויסע רעוואלוציע: אין דער פראנצויזישער רעוואלוציע וועלכע האט געדינט אלס ביישפיל און לערע פאר די נאנסטע דורות, אויך פאר די רעוואלוציאנערן פון סאוויעט־רוסלאנד.

ער ווייסט צו דערציילן, ווי אזוי די „כחות פון דער נשמה און געדאנק האבן געקאנט אריבער פון דער רעפובליקאנער רעוואלוציע צום קייסערטום, נישט פילנדיק אפילו אין דער ענדערונג פון דער אטמאספער און ניווא, ווייל די אינערלעכע וועגעטירונג און באהאלטענע ירידה פון איבעראל אין מענטשלעך געוויסן פון יעדן יחיד האבן פארשטעלט פאר זיי די טיפקייט פון דער אלגעמיינער ירידה".

עס שטעלט זיך ארויס, אז אויך דאמאלס „זענען געווען מענטשן וואס זענען געווען צוגעבונדן צום אידעאל, האבן געפראווועט צו איבערצייגן זיך אליין, אז דא איז נישט מער ווי א אינערלעכע באנייאונג. די לעבנסכחות פון דער רעפובליק זענען געווען אזוי וואונדערבאר אין די אויגן פון די מענטשן, אז נישט קוקנדיק אויף די שווערע נסיונות און טיפע וואונדן האט מען נישט געקאנט אפילו ברענגען אויפן געדאנק, אז די רעפובליק איז עלול בטל צו ווערן".

אבער דאס שארפע אויג פונם באגרעבער פון דער רעוואלוציע „האט געקאנט אונטערשיידן אזוי ווייט נישט נאר די פשוט מידקייט פון די מאסן נאך פיל שטורמען און קריזיסן, נאר אפילו די גורלדיקע ענדערונגען, וועלכע זענען אומבאוואוסט אנטשטאנען אין דער נשמה פון די בעסטע מענטשן, זיי האבן ווידער נישט געגלויבט אין פרייהייט, ווי זיי האבן פריהער געמיינט..."

דאס וויכטיקסטע איז, אז דער באגרעבער פון דער רעוואלוציע האט אויך „געוואוסט צו צערשמעטערן די רעשט פרייהייט נישט אנרירנדיק דערווייל אירע לאזונגען און אנגענומענע נעמען".

דאמאלס איז נישט קיין וואונדער, אויב „פון דער גאנצער שיינקייט פון דער רעוואלוציע, פון דער גאנצער אמונה אין יושר דורך פרייהייט איז נישט געבליבן אין רעזשים פון נאפאלעאן נאר אפנארעריי און ליגנס. די תקופה פון קייסערטום איז גלייך צו א אייז־בארג פון עגאאיזם וועלכער בלאזט זיך אן און ווערט באלויכטן פון די שטראלן פון דער גוססדיקער פרייהייט און פולער ליכט פון שטאלץ..."

דאס איז כמעט א „געשיכטע פון איין רעוואלוציע", וועלכע מיט די אונטערשידן און באדינגונגען און צייט, קאן אויך ווארפן א ליכט אויף דעם פראצעס פון זעעלישער און מאראלישער ענטארטונג פון א מעכטיקן רעוואלוציאנערן שוואונג.

און נאר אין אזא דויערנדן און פערמאנענטן פראצעס האט די אקטאבער־רעוואלוציע געקאנט אפשליסן פינף און דרייסיק יאר, ווען די אקטאבער פאן ווערט געשלעפט אין דער זומפ

אויפן וועג פון פראגער משפט ביזן מאסקווער משפט.

דערדאזיקער אינערלעכער „דעפאר־מאציע"־פראצעס, א פאמעלעכער און א סיסטעמאטישער אין דער אלגעמיינער אנטוויקלונג פון דער גרויסער רעוואלוציע, בלויז ער האט געקאנט געבוירן אויך דאס „פינטל ייד" אלס בולטער סימפטאם פון דער קרעבס קראנקהייט וואס בייסט די נשמה פון דער רעוואלוציע און רעזשים.

ווייל פון זיין נאטור אויס קאן א רעזשים פון אגעגטן אויך אויסטוישן זיינע אגענטורן, לויט די באדערפענישן און באדינגונגען פון יעדער תקופה. און אויב, למשל, האט מען אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געהאט א אינטערעס, ווי עס זעט זיך אויס, זיך באנוצן מיט דעם „אנטי־פאשיסטישן יידישן קאמיטעט" אין מאסקווע פאר פראפאגאנדע־צוועקן אין די פאראייניקטע שטאטן, קאן מען נאך אייניקע יאר אויך ליקווידירן (יורידיש און פיזיש צוגלייך) דעמדאזיקן קאמיטעט און אויסטוישן (להבדיל) אין אגענטורן פון „ברוינע העמדלעך" אין דייטשלאנד און „גרינע העמדלעך" אין מצרים.

פאר די דאזיקע ענדערונגען זענען געגעבן געווארן גאנץ דורכזיכטיקע רמזים שוין די לעצטע צוויי יאר, ווען מען האט נישט געקאנט מער באמערקן די ווענדונג.

דארף זיך שלאגן „על חטא" יעדער פירער פון א באוועגונג אין מדינת ישראל, וואס האט זיך „אנגעשלאסן" אין דער „תנועת השלום", כדי צו שטיצן די פארטיידיקונג, ווידער־אויפבוי און באוואפנונג פון דייטשלאנד, לויט די פאדערונגען פון סאוויעט־רוסלאנד און וועלכער האט געשטיצט (דירעקט אדער אומדירעקט, מיט א הסכמה אדער שטילשווייגנד) די אלע נסיעות קיין „דעם" בערלין, וואו עס דארף פארקומען א פראגער משפט אין א דייטשער אויפלאגע. אין אנבליק פון אזא אנטיסעמיטישן משפט אין דער הויפטשטאט פון דייטשלאנד מיט דער ברכה פון סאוויעט־רוסלאנד וועט מעפיסטא זיך אויפכאפן בכדי איבערחזרן דאס באקאנטע ליד פון געטע: „דער שטן טאנצט דארט זיין טאנץ"...

עס דארף זיך שלאגן „על חטא" יעדער דענקענדער מענטש, יעדער פירער פון א באוועגונג, וואס האט זיך „אנגעשלאסן אין דער „תנועת השלום" בכדי צו שטיצן די באשטרעבונגען פון דער נאציאנאלער פרייהייטס־באוועגונג" אין מצרים, פון וועלכער עס שטייגן אויף די „גלענצענדע" פיגורן פון נאגיב און אחמאד חוסיין, וואס קריצן מיט א אויג קיין סאוויעט־רוסלאנד און גרייטן צו די סילאן־עראפלאנען קעגן ישראל.

די הערשער פון סאוויעט־רוסלאנד האבן דאס רעכט צו זאגען די אלע: מיר האבן אייך געווארנט און איר האט נישט געזעהען, אדער איר האט נישט פארשטאנען וואוהין איר גייט און וואוהין מען פירט אייך...

זענען נאך נויטיק נייע ווארנונגען פון בערלין אדער פון קאהיר אדער פון מאסקווע, בכדי מפסיק צו זיין די אלע גאנדיסטישע דעקלאראציעס, אז „מען וועט קיינמאל נישט קעמפן" קעגן די וועלכע זענען אויך עלול אונז צו באקעמפן.

אבער נישט נאר די באקאנטע בויגזאמקייט פון דער סאוויעטישער אויסערלעכער פאליטיק, נישט נאר דאס אליין דערמעגלעכט איר צו עפנען און אנטוויקלען נייע „אגענטורן" אין צענטראל־אייראפע און אין מזרח פון מיטללענדישן ים, נישט נעמענדיק כלל אין אכט דעם לעבנס־אינטערעס פון אונזער פאלק און אונזער מדינה. ווייל

מען מוז מודה זיין, אז דער עצם אונזער קיום, אלס פאלק און מדינה, בילדעט א מקור פאר חשד מצד די אגענטן און אגענטורן.

ווייל לויט דער איראניע פון לאגיק און גורל איז גראד געשעהען אין סאוויעט־רוסלאנד מיט איר אנטי־ציוניסטישע שטעלונג, אז זי האט אויפגענומען די העכסט־ציוניסטישע אויפפאסונג בנוגע דער אחדות פון יידישן פאלק איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז עס עקזיסטירט א יידישע סאלידאריטעט איבערהאלב די גרעניצן און אפילו איבער די מויער וואס סאוויעט־רוסלאנד האט זיך ארומגערינגעלט.

און אויך נאכן אפזאגן דאס רעכט דעם גאנצן יידישן פאלק אויף ארץ ישראל און מדינת ישראל איז סאוויעט רוסלאנד געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דאסדאזיקע לאנד און דידאזיקע מדינה בילדן א צוציהונגס־כוח פאר אלע טיילן פון יידישן פאלק, אויך פאר די וועלכע געפונען זיך צווישן די מויערן פון דעם גאנצן מזרח־בלאק.

ארץ ישראל, מדינת ישראל, יידיש פאלק — דאס אלץ האט שוין לאנג אויפגעהערט צו זיין א פאנטאזיע און א פיקציע, לויט דער טראדיציאנעלער טעאריע, נאר א ר ע א ל י ט ע ט, וועלכע מען דארף אמאל אויך שטיצן און אמאל אויך באקעמפן.

און אזוי ווי יעדער ייד איז געווארן א פאטענציאנעלער ציוניסט און דער ציוניזם איז געווארן א פסעוודאנים פאר יידנטום, ווערט אויך די אנטי־ציוניסטישע שטעלונג פארוואנדלט אין א אנטי־יידישע שטעלונג, א גאנץ רעאלע און פראקטישע.

דער געדאנק און די פאנטאזיע זאגן זי אפ פארצושטעלן זיך די סכנה וואס באדראט די אידן אינעם מזרח־בלאק.

אבער דאס אידישע געפיל און דאס אידישע באוווסטזיין קענען זיך מער נישט „באווארנען" און נישט אויפהויבן אין דער צייט, פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן, דאס שרעקלעכע ווײ־געשריי פון דעם גרויסן ציטער פארן גורל פון מיליאנען זאקלאדניקעס.

עס קען זיין אז נאך דער ווארנונג וואס איז איצט ארויסגעגעבן אין מאסקווע, איז נישטא מער קיין ארט פאר פיל „באטראכטונגען", וואס זענען בדרך כלל אנגענומען און בארעכטיקט, ווייל עס קען אויך געשעהען אז ס'איז נישטא קיין גרעסערע „ריזיקא" ווי די געפאר וואס באדראט שוין איצט...

מיט א ברויזענד הארץ אבער מיט טרוקענע און קאלטע אויגן, וועלן מיר אריינקוקן אין דער פינסטערניש וואס גייט אויף אונז אין דידאזיקע טעג.

מיר וועלן נישט דערשטיקן אין אונז דעם פראטעסט־געשריי קעגן די וועלט פון „מארגן" וואס אויך זי וויל אונז פארניכטן, ווי עס האבן געמאכט די וועלטן פון נעכטן וועלכע זענען אויך אונטערגעגאנגען אין דעם נעכטן. און זאל מען אין דעם ווי־געשריי זיך נישט רייצן, נאר ברענגען צום אויסדרוק אונזער לעבנסווילן און קאמפסווילן פאר די אלע מאכטהאבער פון דער וועלט.

אבער זאל מען ביי אונז אויך זיך נישט רייצן און זאל נישט געהערט ווערן די נארישע שמחה אויף דעם אויסלעשן פון די ליכט אין מזרח.

צי שיינט דען דאס גרויסע ליכט פון מערב? צי האבן מיר פיל אויסזיכטן פון דעם וואשינגטאן וועלכע האט געטוישט איר רעגירונג? אדער אפשר גאר וועלן מיר באקומען א „באלוינונג" פון דער לאנדאנער רעגירונג, וואס האט גארנישט פארגעסן און גארנישט געלערנט זייט דעם ספר הלבן?

אין אונזער צרה און באלאגערונג זאלן מיר לעבן ווי מיר דארפן לעבן אין א ארומגערינגעלטער פעסטונג.

און פון דער לעצטער פעסטונג אונזערער, פון מדינת ישראל, זאלן מיר געבן א ענטפער די אלע באשולדיגונגען וואס מען האט ארויסגערוקט קעגן אונז אין דיזאזיקע טעג: זאלן מיר דערהאלטן מיט פולן ווילן און מעגלעכקייט די יידישע סאלידאריטעט: פארגרעסערן אונזער כוח אין מדינת־ישראל, פארשטארקן אונזער קול אין גאר דער וועלט פארטיפן אונזער בשותפותדיקע אחריות פארן גורל פון יענעם טייל פון אונזער פאלק וואוהין עס וועט נישט אריינדרינגען אונזער שטים.

און אויב דאס איז נישט בלויז א פרומער וואונטש און א שענע מליצה, וועט די יידיש־ציוניסטישע קאנצענטראציע נאר צושטאנדקומען ווען פריהער וועט קומען צו א ארבעטער־קאנסאלידאציע.

ווייל אויף די צעריסענע אברים פון דער ארבעטער־באוועגונג וועט נישט אנטשטיין קיין שום בנין, נישט פון קלאס, נישט פון דער מדינה און נישט פון פאלק.

און דעריבער — נישט דורך הויכע דעקלאראציעס, נאר שטילערהייט וועלן מיר זאגן וואס עס טראכט יעדער ארענטלעכער ארבעטער אין מדינת־ישראל: מען דארף באנייען די ציוניסטיש־ארבעטער סאלידאריטעט אויפן יסוד פון קעגנזייטיקע פארשטענדיקונג און קעגנזייטיק אחריות, אויפן יסוד פון ערלעך שותפות קעגנאיבער דעם גורל פאר וועלכן עס שטייט אונזער לעצט און איינציק הויז פון דער מדינת ישראל.

(„מאבק" 16.1.53)

דער פראגער משפט

אין פראגער משפט איז דערשיטערט געווארן א גאנצע וועלט פון צוטרוי און גלויבן.

אין פראגער משפט איז צו נישט געווארן די זיכערקייט און אינערלעכע איבערצייגונג, אז „דארט איז עס אוממעגלעך."

אין פראגער משפט זענען אוועקגעשטעלט געווארן צו רעוויזיע גרונטווערטן און גרונט־אמתן, וועלכע האבן זיך אויסגעדאכט ביז איצט אלס סטאבילע און געזיכערטע.

און קעגנאיבער דעם חורבן אנטשטייט אין הארצן פון כלל און יחיד דער שרעקלעכער און מוראדיקער געדאנק, אז אלץ איז מעגלעך.

מעגלעך אז דער יידישער נאמען און יידישער שטאם זאל דינען אלס עלעמענט פאר אופרייצן און באשמוצן אויך נאך דעם ווי עס איז פייערלעך פראקלאמירט געווארן אלס יסוד פון דער מדינה און רעזשים דער נאציאנאלער כבוד און נאציאנאלע און בירגערלעכע גלייכבארעכטיקונג.

מעגלעך אז די הילף וואס ערשט נישט לאנג איז צוגעטראגן געווארן אין קאמף פון אונזער נאציאנאלער באפרייאונג זאל דערקלערט ווערן אלס פארברעכן אין די אויגן פון די וואס באטראכטן זיך אלס א אלוועלטלעכע באפרייאונגס־באוועגונג.

מעגלעך אז די עליה און העפלה פון די רעשטלעך וואס זענען פארבליבן אין די מחנות און געטאָס וועט באטראכט ווערן אלס פאראט אין די אויגן פון דער מדינה און רעזשים, וועלכע האבן אויסגעקריצט אויף זייערע פענער די לאזונגען פון פרייהייט

און נאציאנאלע זעלבסשטענדיקייט און זעלבסטבאשטימונג.

אין פראגער משפט איז מען זיך היינטצוטאג מודה און מתוודה. זאלן מיר אויך זיך מודה און מתוודה זיין: אויב דאס איז א שולד — זענען מיר שולדיק, אויב דאס איז א פאראט — האבן מיר פאראטן.

מיט שטאלץ וועלן מיר טראגן אונזער שולד און אונזער פאראט וואס ווערט אזוי באטראכט דורך די פראגער ריכטער.

זאלן מיר אלע עס טראגן — אלס יידן און ציוניסטן, אלס ארבעטער און חלוצים, אלס קעמפער אין די געטאָס און שמוגלער פון גרעניצן, אלס קעמפער פאר דער נאציאנאלער זעלבסטשטענדיקייט און באשיצער פון מענטשלעכער און ארבעטער־פרייהייט.

זאלן מיר עס זאגן אָן שמץ פון וועלכן עס איז רייצן זיך: מיר זענען ווידערשטאנדספעיק קעגנאיבער די ביטערסטע סיורפריזן און אויסגעהאלטן פאר די שווערסטע אנטוישונגען. און נישט די פראגער ריכטער וועלן ארויסטראגן אן אורטייל אויף אונער גערעכטן וועג אינם יידישן פאלק און אין דער ציוניסטישער באוועגונג, אין מדינת ישראל און אינעם ארבעטער־לאגער.

ווייל אונזער גאנצע וועלט וועלכע „לאחדות־העבודה" האט אויסגעבויט אין פערמאנענטן קאמף פאר אונזער גייסטיקע זעלבסטשטענדיקייט — דידאזיקע וועלט איז נישט דערשיטערט און נישט חרוב געווארן אפילו נישט, ווען די פראגער ריכטער האבן עס גוזר געווען.

אבער חרוב געווארן איז היינטצוטאג אין גאנצן די וועלט פון א גרויסע ארבעטער־פארטיי אין מדינת ישראל, וועלכע האט נישט געפילט און נישט פארשטאנען די ערנסטקייט פון דעם גרויסן נסיון, פאר וועלכן זי שטייט אין די טעג.

זי האט נישט געוואוסט און נישט פארשטאנען. אז עס זענען פאראן זאכן, וועלכע מען שפילט זיך נישט מיט זיי אויף נישט רייפן און נישט ערנסטן אופן.

מען שפילט זיך נישט מיט דער "איינגלידערונג" אין יענער וועלט וואס האט נישט קיין גלייכן אין איר ברוטאליטעט, א וועלט וואס איר קנאות און נקמה ברענט ווי א קאלט און שטיל פייער — דאס פייער צו וועלכער האבן זיך געצויגן און זענען פארברענט געווארן גאנצע באוועגונגען, פיל רייפערע און פיל ערנסטע ווי מפ"ם.

מען שפילט זיך אויך נישט מיט „אפּגרענצן זיך" פון יענער וועלט, אויך נישט פון דער ארגאניזאציאנעלער פארם פון קאמינפארם, ווייל עס איז נישט פאראן קיין סייג און קיין גרענעץ פאר דעם סאלידאריזירן זיך, וואס ווערט דארט געפאדערט פון יחיד און פון דער באוועגונג.

מען שפילט זיך נישט מיטן „ייחוד" פון איין פראגע „אליין". און זאל עס זיין אויך די יידישע פראגע, און זאל עס זיין דווקא די יידישע פראגע.

און עס טאר זיך דארט נישט „מתיחד זיין" אפילו איינער אין נאציאנאלן ווייטאג און זוכן זיין נאציאנאלן וועג. אין פראגער משפט איז געקומען די תשובה אויף דער פאדערונג פאר „באזונדערע רעכטע" און פריוויליגיע, וועלכע מפ"ם האט געפראוווט צו פארלאנגען פאר זיך פון דער וועלט וואס אנערקענט נישט קיין באזונדערע רעכט נאר פארלאנגט פליכטן אליין.

מען שפילט זיך אויך נישט מיט „קעגנזייטיקע פארשטענדיקונגס־פארבינדונגען", אויך נישט אין דער „ליגה לקשרי ידידות הדדית" מיטן

ציל ווייכער צו מאכן די הערצער און פארשאפן פאר זיך אויפמערקזאמקייט און סימפאטיע, ווייל נאר אין איין איינציקער ריכטונג קען מען געפונען פארשטענדיקונג און סימפאטיע, אין דער ריכטונג פון די טרעגער פון דער וועלט־אסטראטעגיע וועלכע ווייסן נישט פון קיין רחמים בדין.ביים משפטן דאס פאלק גלייך ווי ביים משפטן דעם יחיד.

און מען שפילט זיך נישט מיט א רעאקציע פון געוויסן און עמפפינדלעכקייט, צי מען מעג מפקיר זיין א חבר און פריינט וועלכער צאפעלט אין דער נעץ פון געפאנגענשאפט, ווייל יענע וועלט איז פריי פון יעדן באלאסט פון „סענטימענטן" און איז פארשאנצט קעגנאיבער יעטוועדער וואקלניש פון פערזענלעכער און מענטשלעכער עמפפינדלעכקייט. קאלט ווי אייז און שווער ווי א פעלזן־שטיין איז יענע וועלט אין אירע אויסרעכנונגען און ישוב־הדעת, לא־כל־שכן אין אירע מסקנות און על אחת כמה וכמה אין אירע מיטלען און מכשירים.

מען שפילט זיך נישט מיט קינדערישע עקספערימענטן „אומצוווארפן דאס וועגטל" וואס טיילט אָפּ צווישן יענע וועלט און די ציוניסטישע באוועגונג, ווי עס שטייט געשריבן אין די אונדערוואקסענע „חיפה'ער באשלוסן" פון מפ"ם.

דאס איז א געפערלעך שפיל וואס מפ"ם האט זיך דערלויבט ביז איצט. דאס איז געווען א צו שווערער הוט פאר דעם שוואכן קאפ פון מפ"ם צו פראווען זיך אין דעם שפיל.

איצט איז דאס שפיל געענדיקט.

און פיינליך איז געווען אין דער כנסת ווען דער מיניסטער־פרעזידענט, דער אויסערן־מיניסטער און איבעריקע רעדנער פון מפא"י האבן נישט דורכגעלאזט די געלעגנהייט צו מאכן פון דער כנסת־טריבונע חשבונות וועלכע האבן אן ארט נאר אויף א פארטיי אדער הסתדרות־טריבונע. און בדרך כלל וואלט עס זייער געפאסט צוליב דער ערנסטקייט פון דער לאגע ווען דידאזיקע רעדנער וואלטן גערעדט אין א מער איינגעהאלטענעם טאן, נישט מיט דער איבעריקער שארפקייט פון דיסקוסיע (אגב, צוליב דער סיבה האבן מיר געקאנט שטימען נאכן אפשליס פון דער דעבאטע פארן פארשלאג פון דער אויסערן־קאמיסיע נאר נאך דעם, ווען לויט אונזער פאדערונג איז אריינגעטראגן געווארן די אויסבעסערונג וועגן סאלידאריזירן זיך מיטן איינהאלט אליין פון דער דערקלערונג פון אויסערן־מיניסטער).

עס איז צו באדויערן, וואס דידאזיקע רעדנער האבן נישט געקאנט גובר זיין אויך אין דער שעה דעם יצר פון מאכן צווישנפארטייאישע חשבונות.

אבער נישט ווייניקער פון דעם איז צו באדויערן דאס וואס די געפאנגענע פון מפ"מ האבן געזעהען אלס פליכט פונדאסניי זיך צוזאמענשליסן מיט די איבעריקע פארטיי־מיטגלידער קעגן איבער דעם פראנט־אנגריף מצד מפא"י.

דידאזיקע צוזאמענשליסונג איז דאך געווען די כוונה און ציל פון דעם אנגריף, ווייל אויך דאסמאל איז באוויזן געווארן, אז מפא"י וויל נישט איינגאבן די באפרייאונג פון די געפאנגענע אין מפ"ם. און דעם וויל, פון מפא"י מאכן היינט די געפאנגענע אליין, וועלכע האבן באשלאסן פאר קיין שום פאל נישט צו שפאלטן מפ"ם — געוויס נישט צוליב „א דרוקעריי" און אויך נישט צוליב „פראג".

די גייסטיקע וועלט פון מפ"ם איז צערשמעטערט געווארן אבער עס איז אפגעהיט און געראטעוועט געווארן איר ארגאניזאציאנעלע ראם.

און דווקא אין די טראגישע טעג

האבן מיר אלע געקאנט פילן, אז די ארבעטער־באוועגונג אין מדינת־ישראל איז עפעס מער ווי א פארטייאישע ראם און דווקא דער חבר פון דער באוועגונג, דער פשוטער חבר, דער אלטער און דער יונגער, דווקא ער האט באוויזן זיך העכער צו שטעלן פון צווישנפארטייאישן קאמף וואס באשעפטיקט די פירער פון ביידע פארטייען מפא״י און מפ״ם צוזאמען.

ער איז דער וואס האט געוואָרט אז עס זאל געצויגן ווערן די גרויסע מסקנה פון דער פראגער טראגעדיע, וועלכע ווארפט איר שאטן אויף דער נאנסטער צוקונפט פון פאלק, מדינה און ארבעטער־באוועגונג אין מדינת ישראל.

ער איז דער וואס וואַרט אויף דער אינערלעכער באנייאונג פון דער באוועגונג, אויף דער באנייטער צוזאמענשליסונג פאר דער פארשטארקונג פון איר גייסטיקער זעלבסטשטענדיקייט בכדי זי זאל ארויס פארפאנצערט און פארשטארקט פון דער שרעקלעכער אפטרייסלונג וואס האט איר די טעג געטראָפן.

דידאזיקע פאדערונג, דידאזיקע תפילה ווערט איצט דערהערט נישט אין די „אפיציעלע״ ארטיקלען און רעדעס, נאר אויסגעדריקט אין הארצן פון די ישראל ארבעטער און יוגנט.

און צוהערנדיק צו דידאזיקע שטילע שטימען, האבן מיר פאנאנדערגעוויקלט (פארלאזנדיק מפ״מ) די פאן פון קאמף געגן די היימישע „פראגער ריכטער״ וואס האבן שוין דאן באהערשט די מפ״ם אין דער שטאדט, אין קיבוץ און אין די יוגנט־קרייזן וועלכע זענען דורך איר פארסמט און געהעצט געווארן.

און נאך דעם ווי מיר האבן דורכגעמאכט דעם וועג זייט אייניקע חדשים אין קאמף פאר די רעכט פון אידייאישער און געוויסנס־זעלבסטשטענדיקייט — האבן מיר דאס רעכט אין די טעג צו האלטן העכער די פאָן וואס רופט צו דער צוזאמענשליסונג פון די ישראל־ארבעטער אויפן יסוד פון זיין טריי זיך אליין, דעם יידישן פאלק,דער מדינת ישראל, א טריישאפט וואס קיין שום פראגער ריכטער און קיין שום פראגער משפטים וועלן נישט אויסרייסן פון זייערע הערצער.

(„מאבק״, 28.11.52)

דער פראגער משפט און ארום אים

דער פראגער משפט האט אויפגערודערט מדינת־ישראל. מיר האבן דאס רעכט צו זעהען דערין פאר זיך א גוטן סימן דערמיט, וואס מיר האבן רעאגירט אויף דעם אנגריף קעגן אונז. עס אנשטייט אבער די סכנה, דאס די אנגרייפער און די אנגעגריפענע צוזאמען וועלן לענקען די עיקר־דיסקוסיע צו זייטיקע פראגן. ווי ווייט מעגלעך דארפן מיר עס אויסמיידן.

דער יסוד פון פראגער משפט.

איך האב צוגעהערט צום פראגער ראדיא צו די פארהאנדלונגען פון משפט (איך גלויב, אז די פארהאנדלונגען זענען טראנסמיטירט געווארן פון געריכט ממש, הגם איך בין נישט זיכער דערין) אין דער שפראך וועלכע איך באהערש שוין נישט איצט אזוי אבער נאך מער איז שווער געווען פאר מיר אויפצופאסן דעם גאנצן גאנג פון משפט. אין משך פון מיין ארבעט האב איך געזעהען פיל פארברעכער — קרימינעלע און פאליטישע — פאר די ריכטער און אויך זיך צוגעהערט צו די רייד פון די באשולדיקטע אין מארד, פאליטיש גאנץ באוואוסט, וועלכע הא־

בן געמאכט אן אטענטאט אויף זייערע קעגנער. אלס משל וועל איך ברענגען פרידריך אדלער, וועלכער האט גע־מאכט אן אטענטאט אויפן לעבן פון גראף שטירק אין ווין אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה און זיך מודה געווען אין מארד. אויך דער וואס איז זיך מודה אין זיין אקט באמת זיך אויפצוקלערן, פארוואס ער האט דאס געטון און די באדינגונגען וועלכע הא־בן אים דערפירט דערצו. ווען מען שטעלט דעם באשולדיקטן א פראגע, באקלערט ער זיך אייניקע סעקונדן און ענטפערט אין אנהויב גאנץ פאמע־לעך בכדי צו קאנצענטרירן זיינע גע־דאנקען, אויך דער פראקוראר, דער ריכטער און פארטיידיקער, ווען זיי פלעגן זיך ווענדן מיט פראגן צום בא־שולדיקטן, האבן זיך אויך אזוי נוהג געווען, ווייל אויך די פראגע איז גע־ווען געריכטעט צו דעם, וואס דער בא־שולדיקער פרעגט זאגן אין דער צייט. ביים פראגער משפט אבער — ווי איך האב זיך צוגעהערט צום ראדיא — האבן סיי דער באשולדיקטער, סיי דער פראקוראר און סיי די ריכטער אזוי זיך נישט געפירט. ווי איינער האט נאר באוויזן צו פארענדיקן זיינע ווער־טער, האט דער צווייטער, וואס האט געשטעלט די פראגע אדער געדארפט אויף איר ענטפערן, תיכף ומיד געגע־בן א תשובה און אזוי שנעל, הגם די פראגע איז געווען נוגע צו דאטעס און זאכן וועלכע זענען געשעהען מיט יא־רן. און עס איז נישט צו פארענטפערן דידאזיקע פראגע מיט פסיכאלאגישער פלפוליסטיק. עס איז דא נאר איין תשו־בה צו דעם, אז דאס אלץ האט מען פיל מאל איינגעחזרט די באשולדיק־טע און זיי האבן געקאנט ענטפערן אויף יעדע פראגע, — ווייל אויך די פראגן זענען געווען פארגעברייטעט, — אן וועלכע עס איז איבערלעגונג, אפילו נישט טראכטן א מינוט און מען האט אויך נישט געדארפט אנשטרענגען דעם זכרון. מען האט זיי דיקטירט וואס זיי דארפן ענטפערן און דעריבער האט זיך קיינער נישט באמת אויפצוקלערן, פארוואס ער איז באגאנגען דעמדאזיקן חטא אין וועלכן ער איז זיך מודה. פארקערט. יעדער „וואס איז זיך מודה", זאגט נאר דאס, וואס מען האט געהייסן זאגן כדי זיך פארשטעלן אין ערגסטן ליכט. איך וועל ברענגען צוויי ביי־שפילן לויטן פראטאקאל פון „רודע פראווא":

א) נאך דעם ווי סלאנסקי האט פאר־געשטעלט די ציוניסטישע באוועגונג, דורך וועלכע די אימפעריאליסטן הא־בן אויסגעפירט אין דער טשעכאסלא־וואקיי לויט זיינע ווערטער, פארשפריי־טע שפיאנאזש און סאבאטאזש־אקטן און דער דזשאַינט האט געדינט אלס דעק־מאנטל פאר דעם, האט צוגעגעבן און געזאגט: הגם (מיין אונטער־שטרייכונג, מ. ז.) די ציוניסטישע אר־גאניזאציעס זענען געווען פיינטלעכע ארגאניזאציעס, נאציאנאליסטיש־ביר־גערלעכע ארגאניזאציעס וועלכע האבן זיך פארנומען מיט א פארצווייגטע פיינטלעכע טעטיקייט, האב איך דער־מעגלעכט זיי געזעצלעך צו זיין טע־טיק. איך האב גארנישט געטון קעגן די ציוניסטישע ארגאניזאציעס הגם (מיין אונטערשטרייכונג מ. ז.) מען האט מיך געווארענט און מען האט מיך אויפמערקזאם געמאכט אויף זייער פארעטערישע טעטיקייט".

ב) בעת מען האט אויסגעפארשט אטאָ פישל וועגן זיין טעטיקייט אלס וויצע־פינאנץ־מיניסטער, וואס האט גו־רם געווען א שאדן פון א מיליארד דער טשעכאסלאוואקישער מדינה, האט דער פראקוראר אים געפרעגט צו וועמענס נוצן איז עס געווען, האט דער בא־שולדיקטער געענטפערט: די זאך איז געווען צו נוץ די ענגליש־אמעריקאני־שע אימפעריאליסטן און זייערע נא־

טירלעכע פארבינדעטע, די יידישע רעאקציע און די יידישע בורזשואזיע"... און אזוי האבן זיך געפירט אלע באשולדיקטע אן אויסנאם. אלע האבן גערעדט אין איין שפראך — — — די פארשטייער פון א דור וואס דערקלערט זיך אליין פאר כולו חייב.

אין גאר דער וועלט און צווישן אלע פעלקער וועלן מיר נישט געפינען גייסטיק־געזונטע מענטשן וועלכע זאלן זיך אזוי פירן עס געפונען זיך נישט אין דער וועלט פארברעכער — אפילו די ערגסטע און נידריקסטע — וועלכע זאלן פון אייגענעם ווילן אזוי רעדן, ווען זיי שטייען פאר זייערע ריכטער.

און דער עיקר — סלאנסקי און זיינע חברים, די אסימילאטארישע יידן, זענען געווען די הויפט־שטערער פון יעטוועדער ציוניסטישער ארבעט און ערטיילן הילף מדינת ישראל אין קאמף מיט די אראבער. זיי האבן זיך קעגנגעשטעלט אין גאנצן יעטוועדער פארלייכטערונג עולה צו זיין פון טשעכאסלאוואקיי קיין ארץ־ישראל. די שליחים פון דער ציוניסטישער באוועגונג און די פארשטייער פון מדינת ישראל זענען געווען געצוואונגען שטארק צו קעמפן מיט זיי ביז זיי האבן זיי באזיגט. און דאס אלץ פון קנאות פאר דער קאמוניסטישער פארטיי. דאס האבן זיינערצייט פיל געוואוסט.

אהוד אבריאל, איינער פון די ערשטע עסקנים אין די ענינים אין דער טשעכאסלאוואקיי, האט דערציילט א זשורנאליסט („מעריב, י"ט כסלו תשי"ג), אז דווקא דער מלוכה־פרעזידענט גאטוואלד, מיניסטער־פרעזידענט זאפאטאצקי און זייערע חברים, וועלכע באשולדיקן כביכול סלאנסקי און זיינע חברים, זענען געווען די „הויפטשטיצער פון דער הילף פאר ישראל אין דידאזיקע טעג", דווקא זיי זענען געווען די „וועלכע האבן ארויסגעוויזן פיל פארשטענדניש פאר די צרכים פון ישראל, ווי ווייט מעגלעך געהאלפן און גערעדט אפן וועגן סימפאטיע און הילף פאר ישראל"... — דערזעלבער „רודע פראווא" — האט צוגעגעבן אבריאל — האט גאר נישט לאנג געשריבן אן ארטיקל פול מיט שבחים פאר דער באפרייאונגס־מלחמה פון ישראל און אפילו דערקלערט, אז דידאזיקע מלחמה איז די גרעסטע געשעעניש אין דער מאדערנער געשיכטע זייט די שפאנישע מלחמה און די צייטונג האט אויך נישט פארגעסן אונטערצושטרייכן די הילף פון טשעכישן פאלק פארן באפרייאונגס־קאמף פון ישראל. דער ארגאן פון טשעכישן מיליטער האט גערימט צבא ההגנה לישראל, דערציילט וועגן זיין גלענצענדע טאקטיק, מוט און וואונדערבארע קאמפספעיקייט פון דעם יידישן מיליטער".

און פון דעם איז געדרונגען: דער יסוד פון דעם גאנצן משפט — איז א ליגן און א בלבול.

ארויסגייענדיק פון דער גרונט־הנחה איז פון אינטערעס אונטערזוכן פארשידענע צדדים אין משפט. נאר נאך דעם וועט אונז מער קלאר ווערן, צוליב וואס האט מען אויסגעפונען די אלע בלבולים, צוליב וואס האט מען דיקטירט די אלע ליגענס.

צי נאר דאס מודה זיין און דאס עדות זאגן פון בן־שלום איז א ליגן?

„על המשמר" (23 נאוועמבער) האט זיך אפגעגרעניצט פון דער ראדיאזענדונג פון „קול־ישראל", טענה'נדיק, אז עס איז פאראן „א גרויסער מרחק צווישן זיינע דערקלערונגען און צווישן דעם וואס ער האט אויפגענומען פון אורנ'ס ווערטער און פעסטגעשטעלט: „מיר האבן נישט געפונען אין די אויפגענומענע ווערטער פון אורן, אז ער איז זיך מודה אין די באשולדיקונגען וועלכע מען שרייבט אים צו"; וואס האבן זיך געיאגט די רע־

דאקציע־מיטגלידער פון „על המשמר"
פעסטשטעלן זאכן לויט זייער סוביעק־
טיווער אויפנאמע? אורן האט געזאגט
וועגן זיך צווישן אנדערן: „איך האב
זיך פארנומען פראפעסיאנעל מיט שפי־
אנאזש. איך בין געווען געצוואונגען
איינפלעכטן די ציוניסטישע טעטיקייט
אין דער שפיאנאזש־ארבעט, ווייל זייט
1934 בין איך געווען אן אגענט פון
דער בריטישער אינטעליזשענס סער־
וויס". „על המשמר" טענה'ט: „מיר הא־
בן נישט קיין ספק אין דער סאציא־
ליסטיש־רעוואלוציאנערע טריישאפט
פון מ. אורן, אין זיינע טיפע פריינט־
שאפט פאר די לענדער פון סאציאליזם
און זיין ארבעט איז געווען הייליק דער
נאציאנאלער און סאציאלער באפריי־
אונגס־באוועגונג אין דער פראגרעסיוו־
סטן זין פון ווארט פון אונזער פאלק".
אויך איך האב נישט דערין קיין שום
ספק. אויך מרדכי אורן האט אין משך
פון זיין גאנצער טעטיקייט נישט גע־
האט קיין ספק דערין. און פונדעסט־
וועגן האט ער זיך „מודה" געווען און
נישט נאר דאס אליין. איך וועל נישט
ציטירן זיין גאנץ שרעקלעך עדות־
זאגן, ווי עס איז איבערגעגעבן גע־
ווארן אין „רודע פראווא", אבער איך
וועל נאר דערמאנען איין זאך: ווען
דער פראקוראר האט געפרעגט מרדכי
אורן: צי ווייסט דו וועגן די נ י ד ע ר־
ט ר ע כ ט י ק ע פ א ר ב י נ ד ו נ ג ע ן
(מיין אונטערשטרייכונג, מ. ז.) פון
רודאלף סלאנסקי?" האט ער געענט־
פערט, אז סלאנסקי איז געשטאנען אין
פארבינדונג מיט דעם אויסערן־מיניס־
טעריום פון מדינת ישראל און מיט א
באשטימטער פארזיכט צוגעגעבן, אז
דאס האט ער געהערט פון דעם געווע־
זענעם ערשטן סעקרעטאר אין דער יש־
ראל־אמבאסאדע, רפאל בן־שלום. און
ווען רפאל בן־שלום האט איבערגעגע־
בן א דערקלערונג, אין וועלכער עס
ווערט געזאגט צווישן אנדערן: „אין
דעם משפט פון סלאנסקי און זיינע ח־
ברים אין פראג זענען אין צוזאמענהאנג
מיט מיין נאמען און מיין טעטיקייט
דערמאנט געווארן א ליגנעריש עדות־
זאגן אן יעטוועדן אמת", האט־ער ווער־
שיינלעך אויך מתכוון געווען צו דעם
וואס עס האט אויף אים געזאגט זיין
חבר מרדכי אורן. איך האב נישט קיין
שום ספק, אז די אלע ווערטער וואס
מען האט ארייגעלייגט אין מויל פון
מרדכי אורן זענען א ליגן. ער האט
זיי נישט געזאגט און אויב ער האט
זיי געזאגט, איז נישט פון גוטן ווילן
און נישט אין אלאגע אז ער זאל קענען
זאגן דעם אמת. און דא איז גערעכט
בן־גוריון, ווען ער פרעגט, אויב דאס
„מודה זיין זיך" פון אורן איז געווען
אויסגעטראכט ווי אזוי קאן מען גלויי־
בן די „ווידויים" פון די איבעריקע בא־
שולדיקטע? און גערעכט איז אויך מי־
קוניס מיט דער פראגע: אויב די „ווי־
דויים" פון סלאנסקי און זיינע חברים
זענען ריכטיק און אמת (און דערין
האט דער „על המשמר" ביז איצט קיין
שום ספק), ווי אזוי קען מען צווייפלען
אין דעם אמת פון דעם וואס מרדכי
אורן האט געזאגט?

דערדאזיקער ענין — די וועגן פון
דער פאליטישער טעטיקייט אין דעם
רעזשים פון די פאלקס־דעמאקראטיעס,
דער ניוואָ פון דער גערעכטיקייט פון
דעם רעזשים אויף דעם וועג פון רע־
אליזירן דעם סוציאליזם. און זאלן נישט
די סאציאליסטן־רעוואלוציאנען זיך א־
רויסדרייען צו זעהען די זאכן אזוי ווי
זיי זענען און נישט נעמען א שטעלונג
צו זיי. עס איז נישטא קיין ארט פאר
אקראבאטיק און דיאלעקטיק. מען דארף
זאגן דעם פולן אמת, פאר אים קעמ־
פן און אים באקעמפן...

איך מוז אויך מאכן א באמערקונג ווע־
גן מיין פערזענלעכן איינדרוק: איך
בין געווען אין פראג אין דער צייט פון
דער קאאליציע פון די קאמוניסטן מיט

די סאציאלדעמאקראטן און בענעש־פארטיי. רפאל בן־שלום (דאן האט ער געהייסן ראפי פרידעל) איז געווען דער לייטער פון פאלעסטינא אמט. איך האב זיך איבערצייגט, אז מיט דער רעקאמענדאציע פון ראפי זענען פאר מיר און פאר אנדערע געעפנט געווארן אלע טירן פון די הויכע מלוכה־אמטן, וואו עס איז נאר געווען א קאמוניסט. און ווען איך האב געפרעגט די סיבה דערפון, האבן מיר יודעי־דבר געזאגט, אז דאס איז א דאנק די פארדינסטן פון ראפי פאר זיין איבערגעגעבענעם און טרייעם קאמף פון די פארטיזאנען מיט די היטלער־חיילות. א באקאנטער יידיש־טשעכאסלאוואקישער שריפטשטעלער, א טרייער קאמוניסט, האט מיר געזאגט, דאס צווישן אלע קאמוניסטישע פארשטייער אין די „הויכע פענסטער" וועט מען געפינען גאנץ ווייניק, וואס האבן ארויסגעוויזן פעיקייט, איבערגעבנקייט און טריישאפט ווי ראפי אין קאמף פון די פארטיזאנען מיט די חיילות פון היטלער אויף לעבן און טויט. און איצט „האט מען אנטדעקט", אז דער ראפי (איך וועל נישט מער צו זאגען אים קיין שבחים, אויך צוליב דעם חשש, אז דאס קאן אים שעדיקן...) איז די גאנצע יארן געווען אן אגענט פון אמעריקאנער אימפעריאליזם.

דער יסוד פון פראגער משפט איז א ליגען און א בלבול און מיט זיין הילף איז ארגאניזירט געווארן א מארד און א פראווו פון א פאליטישן מארד פון אונזער פאלק, נאציאנאלע באפרייאונגס־באוועגונג און מדינת ישראל.

דער משפט אין פראג איז א משפט קעגן יידישן פאלק

איך קאן נישט פארשטיין (איך בין זיך נישט מתכוון צו מק"י, דידאזיקע קנעכט און וועלכער עס איז מענטשלעכער און נאציאנאלער זעלבסטווירדע), ווי אזוי קאן מען האבן א ספק, אז דערדאזיקער משפט, וואס איז איינגעארדנט געווארן מיט א כוונה און לויט א פארגעברייטעטן פלאן מיט אלע איינצעלהייטן, איז געווען מכוון קעגן יידישן פאלק, פאנאנדערבלאזן א שנאה און האס צום יידישן פאלק. אויף וועלכן יסוד קאן מען דאס פעסטשטעלן?

א) די באשולדיקטע און די עדות האבן געוואוסט, אז זיי האבן זיך באשולדיקט די הויפט־שולדיקע זענען אלע — יידן. דער ספיקער פון פראגער ראדיא און די אפיציעלע צייטונג „רודע פראווא" האבן אלץ געטון, בכדי עס נאך מער בולטער צו מאכן.

אן אמת, סלאנסקי און גולדשטיקער זענען נישט גרעסערע יידן ווי ערענבורג און קאגאנאוויטש אין רוסלאנד. אבער דאס האט מען נישט געזאגט אין פראג. פארקערט, דארט איז נאך מער בולטער געווארן זייער יידיש אפשטאמונג. צוליב וואס האט מען עס געמאכט, אויב נישט אויפצורייצן די מאסן קעגן די יידן מיט ליגנס און בלבולים?

ב) „די ציוניסטישע ארגאניזאציעס זענען געווען דער פאקטאר דורך וועלכן די אימפעריאליסטן האבן געקאנט דורכפירן און האבן דורכגעפירט פארצווייגטע שפיאנאזש־און־סאבאטאזש־אקטן אין טשעכאסלאוואקיע". דידאזיקע ווערטער האט מען אריינגעלייגט אין מויל פון סלאנסקי; אין א אנדערן נוסח האבן איבערגעחזרט אויף דידאזיקע בלבולים אייניקע מאל נישט נאר ער אליין, נאר כמעט אלע באשולדיקטע און עדות, אויך מרדכי אורן צווישן זיי. צי וועט עמיצער האלטן, אז דער אינטעליגענטסטער גוי אין טשעכאסלאוואקיי וועט קענען אונטערשיידן צווישן ציוניסטישע און יידישע ארגאניזאציעס?

אויב סלאנסקי און גולדשטיקער זענען יידן, דאן ווער איז נישט קיין

ייד? און היינטצוטאג, וועלכן סתם־ייד איז מען נישט חושד אין קאנטאקט און פארבינדונגען מיט דער ציוניסטישער באוועגונג? אבער די וועלכע האבן פארגעברייטעט דעם פראגער משפט האבן זיך נישט דערמיט באגנוגנט און האבן צוגעגעבן צו די, וועלכע האבן געוואלט, לויט זייערע ווערטער, אראפווארפן דעם איצטיקן קאמוניסטישן רעזשים אין טשעכאסלאוואקיי, נאר אויך מדינת ישראל און אירע אפיציעלע פארשטייער. „די ציוניסטן זענען די רעפרעזענטאנטן פון א רעאקציאנערע, יידיש נאציאנאליסטיש־בירגערלעכע באוועגונג, וועלכע איז זייט איר גרינדונג געווען תמיד די שונאים פון פשוט'ן פאלק און פראגרעס" — „די ציוניסטישע וועלט־באוועגונג איז געווען שוין פון לאנג איינע פון די געפערלעכסטע אגענטורן פון אמעריקאנער אימפעריאליזם. די באזע פון דער באוועגונג — די קאפיטאליסטישע מדינה ישראל — איז געווארן דער באזיס פון די אמעריקאנער קאפיטאליסטן, וועלכע וועט אויך ווערן דאס ארט פאר דער מלחמה־אפענסיווע קעגן סאוויעט רוסלאנד; דאס איז די פויסט וואס ווערט באוואוסטזיניק געווענדעט קעגן די פארשקלאפטע אראבישע פעלקער, די נעץ פון דעם פארצווייגטן שפיאנאזש און סאבאטאזש אין די לענדער פון די פאלקס־דעמאקראטיעס. די ציוניסטישע דיפלאמאטן פון מדינת ישראל זענען געווען שפיאנען אין דינסט פון די אמעריקאנער אימפעריאליסטן, וואס האבן דורך זיי ארגאניזירט סאבאטאזש־אקטן אין אונזער מדינה און געמאכט גרויסע שאדנס".

דאס זענען אייניקע קאפיטלעך פון דעם שמוציקן ארטיקל אין „רודע פראווא", דער אפיציעלער ארגאן פון די קאמוניסטן אין טשעכאסלאוואקיי. און מיר ווייסן גאנץ גוט, ווער רעדט אין דער צייטונג אין טאטאליטארן רעזשים.

דאס איז נישט קיין העצע פון וועלכע עס איז א צייטונג, וואס זאגט ארויס איר מיינונג, נאר דאס איז די איינציקע מיינונג וואס איז דערלויבט אין דעם רעזשים. אין דידאזיקע ווערטער, סיי מינדלעך און סיי אין דרוק זענען אדורכגעדרינגען מיט דער נישט־באגרענצטער העצע פון שנאה צו יידן. קיין שום צייטונג פון א אנטי־סעמיטישע אדער נאצישע פארטיי וועט עס נישט מאכן מיט מער שארפקייט און גיפט.

זאלן זיך נישט אויסדרייען די פארשידענע אנאליטיקער פון פראגער משפט מיט דער טענה, אז מען געפינט נישט דארט דאס ווארט אנטיסעמיטיזם. און זאלן זיי נישט „אנטדעקן" די אפגרענצונג פון די קאמוניסטישע פארטייען פון אנטיסעמיטיזם. דער דאזיקער משפט, וואס זיין יסוד איז די כוונה צו פאנאנדערבלאזן די שנאה צו יידן מיט אלע אויסגעפראוווטע מיטלען פון שונאי־ישראל. אויך די זכויות, וואס קיינער אונטערשעצט נישט ווי: דער קאמף פון דער רויטער ארמע קעגן היטלערס חיילות, די רעטונג פון יידן פון די נאצישע רויבער, די היסטארישע רעדע פון גראמיקא און אנדערע מעשים טובים מצד סאוויעט־רוסלאנד די פאלקס־דעמאקראטישע לענדער לטובת מדינת ישראל, וועלן נישט פארטושן דעמדאזיקן נידעריקן און געפערלעכן אקט.

דאס איז א ביטערער אמת וואס טוט ווי יעדן ציוניסטישן סאציאליסט. דאס איז א אנטוישונג, וועלכע איז שווער זי צו באצייכנען, אבער מיר זענען פארפליכטעט צו זאגן דעם גאנצן ביטערן אמת, נישט פארטושן און אן שום אילוזיע. מיר מוזן זעען די ווירקלעכקייט אין איר גאנצער טראגיק און זי

באקעמפן ווי עס פאסט פאר יידן, וועלכע זענען שטאלץ מיט זייער פאלק און זייער מדינה, אלס טרייע סאציאליסטן צו זייער אידיי און גרויסע אויפגאבע פון זייער קלאס.

צי איז דער פראנט קעגן אונז נאר אין טשעכאסלאוואקיי?

אויב מיר האבן גענומען אויף זיך אויסצוטרינקען דעם ביטערן כוס, פון ווייטיק און אנטוישונג, זאל מען עס מאכן ביזן סוף. מען דארף אויך זאגן, אז אין טשעכישן פאלק (און באזונדערס ביי די סלאוואקן) איז נישט געווען קיין רקע פאר שנאת ישראל. דאס איז געווען און האט אויך געהאט א באשטימטן יסוד פאר דער באנייאונג פון דער נאציאנאלער אומאפהענגיקייט פון טשעכאסלאוואקיי, אבער דאסדאזיקע פאלק האט די גאנצע צייט ארויסגעוויזן א טיף פארשטענדניש פאר אונזער נאציאנאלע אויפלעבונג און ציוניזם. עס איז נישט קיין צופאל, דאס צווישן אלע פאלקס־דעמאקראטיעס האבן מיר געפונען א טיפערע פארשטענדניש פאר אונזערע נויטן גראד אין טשעכאסלאוואקיי. די שנאה צום ציוניזם און מדינת ישראל, וואס איז געקומען אזוי בולט צום אויסדרוק אין פראגער משפט, האט איר מקור נישט ביים טשעכישן פאלק, נאר אימפארטירט געווארן פון א אנדער לאנד, צו אונזער באדויערן און צו אונזער אומגליק — פון סאוויעט רוסלאנד, וואו מען האט דארט אונז פארניכטעט אלס נאציאנאלע איינהייט.

צענדילקער פעלקער עקזיסטירן אין סאוויעט־רוסלאנד, א סך פון זיי אומבאקאנט אויסער די גרעניצן פון סאוויעט־רוסלאנד אבער אויפן יידישן פאלק האט מען גוזר געווען די גייסטיקע פארניכטונג. אָן ספק אז די ריכטונג פון דעם משפט קעגן יידישן פאלק, ציוניסטישע באוועגונג און מדינת ישראל איז באשטימט געווארן נישט אין פראג, נאר אין מאסקווע. דעריבער איז רעאל די סכנה, אז זי וועט נישט לאקאליזירט ווערן נאר אין טשעכאסלאוואקיי, נאר וועט ארומנעמען דעם גאנצן שטח, וועלכער געפינט זיך אונטער דער השפעה פון סאוויעט־רוסלאנד. דערדאזיקער פאקט, אין וועלכן עס איז מעגלעך אפילו צו צווייפלען, איז פיל ביטערער פון די רעזולטאטן פון דעם משפט אין טשעכאסלאוואקיי גופא. דאס איז די ווירקלעכקייט און מיר טארן נישט זיך פאריבערגיין איבער איר.

מיר דארפן רעאגירן אין די ראמען פון אונזערע כוחות און השפעה, אבער נישט. זיך ארויסדרייען און נישט זיין געפאלן ביי זיך, נאר ווי עס פאסט פאר א פאלק וואס קעמפט פאר זיין נאציאנאלע זעלבסטשטענדיקייט. פאר זיין פאליטיש לעבנס־פארם און סאציאלן כאראקטער.

מיט דער גאנצער קראפט פון אונזער גערעכטיקייט וועלן מיר אויסשרייען פאר גאָר דער וועלט:

לא נמות כי נחיה!

(„מאבק", 19.12.52)

די פראגער ריכטער אין תל־אביב

זיי געפינען זיך שוין לאנג ביי אונז. זיי גרייטן זיך צו דערפילן זייער אויפגאבע און בעצם זענען זיי ג ר י י ט, זיי האבן שוין די ז ע ל י ש ע הכשרה דערצו..

מען איז שוין ג ר י י ט אבער מען ק א ן נאך נישט. דעריבער פארנעמט מען זיך נאר מיט איבונגען. אליין געוואוינט מען צו זיך און חברים צו די רייניקונגס־משפטים אין דער פארטיי גופא.

און שווער אפשר צו געפונען אזא באלערנדער פאל ווי דער משפט וואס איז פארגעקומען דעם 21 פעברואר 1952, אין טאג פון דער שפאלטונג פון מפ״ם.

דעם טאג זענען זיך צונויפגעקומען אין די ביוראען פון דער פארטיי די ריכטער, וועלכע זענען באשטימט געווארן צו משפטן דעם „אפטריניקן פאררעטער־טיטאָאיסט", ווייל מיט אייניקע וואכן צוריק האט ער געהאלטן אין דער כנסת א רעדע, וואס אנטשפרעכט נישט דער פארטיי־ליניע און (שוין דאמאלס) האט ער געווארענט פאר דער פארשטארקונג פון עגיפטישן אימפעריאליזם און נאציזם, אפילו אונטערן מאנטל פון אראבישער „שלום־באוועגונג".

דער בית־דין איז זיך צונויפגעקומען. עס איז אויך דערשינען די פראקוראטאר אין דער פערזאן פון דער ועדה מרכזת. עס האט אויך נישט געפעלט די באשולדיקונגס־באנק, נאר אויף דער באנק איז נישט געזעסן דער באשולדיקער גופא, וועלכער האט נאך פריער מודיע געווען דעם סעקרעטאריאט פון דער פארטיי, אז ער איז מוותר אויף די רעכט און כבוד אנצוגעהערן דער מפ״ם.

דאכט זיך, אז דער פארטייאישער בית־דין איז געווען ארבעטסלאז גייענדיק משפטן א מענטש וואס געפינט זיך שוין אויסערהאלב דער פארטיי, מען קאן דאך נישט אויסשליסן א מענטש וואס האט זיך שוין אליין אויסגעשלאסן.

אבער דאס האט נישט געדינט אלס שטערונג וואס קאן נאר זיין ביי א „פארמעלן" געריכט, וואס רעכנט זיך מיט יורידישער לאגיק און פשוט'ן שכל ישר.

נאר די „פראגער ריכטער אין תל־אביב" קאנען איבערקומען אלע שוועריקייטן פון לאגיק און אנשטענדיקייט, און ווען עס אנטשטייט א צערמישונג צוליב דער אפוועזנהייט פון באשולדיקטן, איז אויפגעשטאנען דער הויפט־פראקוראר, יעקב חזן, און געהאלטן די פאלגענדע רעדע:

„אויב עס איז ריכטיק, אז ליפשיץ איז אראפ פון דער תליה, דארף מען ווידער ארויפפירן פונדאסניי און נאכאמאל הענגען!"

צי קאן עמיצער אפלייקענען די ריכטיקייט פון דער רעדע צי איז עס נאר געווען א לאפסוס? אזוי רעדן קאן נאר א מענטש מיט א קרענקלעכער און נקמה־דורשטיקער פאנטאזיע, וואס זעט נאר פאר זיך דעם בוים און שטריק פארן הענגען, נאר די האנט איז צו קורץ. דעריבער ציטערט די האנט און ציטערט די שטים: פון כעס און הילפסלאזיקייט.

אין משך פון ניין חדשים וואס זענען אריבער האט מען שוין געקאנט פארגעסן דאס גאנצע קאפיטעל, אבער פון זיך אליין, אין די פראגער טעג, איז אקטועל געווארן דידאזיקע ג ע ש ט א ל ט: לאוו־דוקא פון דעם מענטש, נאר פון דעם ט י פ, וואס איז ארויסגעוואקסן ביי אונז און אין משך פון יארן האט ער באוויזן אזוי פיל מענטשן אפנארן און פארפירן.

און מען זאגט דאך, אז גראד דער פראקוראר פון דעם טיפ קאן צוזאמענפארן דעם סאדיזם פון קעלער מיט דער באנעמונג פון סאלאן. און מען האלט אויך, אז ער איז מסוגל צו דינען מיט איין מאל פארשידענע בעלי־בתים און האלטן צוויי באזונדערע פענער, ווינקנדיק מיט א אויג צו ביידע צדדים.

דאס זענען אייגנשאפטן, „מענטאַליטעטן" — וואס זענען שווער צו פארשטיין.

קיינער וועט נישט פארשטיין דידאזיקע באַרייטשאפט נישט נאר צו הענגען, נאר אויך ווערן אויפגעהאנגען, זעלבסטפארשטענדלעך, פון שטאַנדפונקט פון מאראל און געוויסן. מיר האבן דאך געזעהען דעם פראקוראר מיט ניין חדשים צוריק, ווי י. חזן האט זיך געפירט אין דער דיסקוסיע וועגן איבעררייסן די אונטערהאנדלונגען וועגן אריינטריט פון מפ״ם אין דער רעגירונג, ווען ער איז געבליבן אין זיין פראקציע אין דער מינדערהייט. ווי נאר אין א שעה שפעטער האט זיך געעפנט די פארטיי־בעראטונג, איז דערשינען נישט דער פארשטייער פון דער מערהייט נאר דווקא ער — צו פארטיידיקן די שטעלונג וואס איז נישט געווען זיינע.

דאס זענען די „באאיווע" איבונגען פון אננעמען דעם דין, צידוק הדין, ווען די פראקציע ליקווידירט יעדע זעלבסטשטענדיקע מיינונג נישט נאר כלפי חוץ, נאר אויך כלפי פנים, אפילו אין דער פארטיי גופא. נאך מער: דווקא דער „אפטריניקער" איז פארפליכטעט צו דערשיינען פאר אלע און זאגן דעם היפך פון דעם וואס ער טראכט פאר ריכטיק און גערעכט.

דאס איז די פארם פון ווידוי אין א „ווייכערער" פארמולירונג, אין א תל־אַביבער סטיל, איידער די איבונגען זענען דערגאנגען צו פראגער שטופע.

א טראגיש און א „פראגיש" געשטאלט איז א מענטש וואס פארלירט זיין פערזענלעך געשטאלט ווי מ. יערי, למשל, וואס איז דערשינען מיט א קורצע צייט צוריק, ווען ער איז געבליבן אין דער מינדערהייט אין זיין פראקציע, אין דער פראגע פון פראגער משפט. ווי נאר אין א שעה שפעטער האט זיך אנגעהויבן די פאליטישע קאמיסיע פון מפ״ם איז אים איבערגעגעבן געווארן די „בכבודיקע" אויפגאבע צו רעפרעזענטירן א שטעלונג, וואס איז נישט זיינע, מיט דער הסכמה פון דער עקסטרעמסטער סיעה ביים רעכטפארטיקן דעם פראגער משפט.

דאס זענען נאר איבונגען פון אידייאישן זעלבסטביטול, פון מאראלישער זעלבסטליקווידאציע, פון זעעלישער אויסליידיקונג, ווען עס ווערט געבראכן דער חוט השדרה פון מענטש און עס ווערט באַזייטיקט דאס לעצטע פון געוויסן־זעלבסטשטענדיקייט אלס א מין לוקסוס.

אזעלכע איבונגען ווערן נישט לייכט געמאכט און נישט ווייניק זענען די נסיונות וועלכע דער מענטש גייט דורך, איידער ער גיט ענדלעך אויף זיין נשמה און זיין געוויסן און ס'וועט באוויזן, אז קיין זאך איז נישט עלול אפצושוואכן זיין „טריישאפט ביי אלע באדינגונגען און אן תנאים און אן באַגרענצונגען.

מיר ווייסן וועגן דעם אמאליקן גרויסן נסיון און נוסח „קח־נא את בנך, את יחידך אשר אהבת..." און דאס איז געווען נישט מער ווי א נאכאַמונג מצד די פראגער ריכטער, ווען זיי זענען געקומען אונטערזוכן און באשולדיקן די משפחה (פארטיי און קבוץ) פון מרדכי אורן אין נוסח „והעלהו שם לעולה על אחד ההרים...".

און דאך איז נישט צו מאכן קיין פארגלייך נאר מיט א גרויסע אפגרענצונג פון „להבדיל" צווישן אנדערעם אויך צוליב דער סיבה וואס דארט איז אויסגעפראוועט געווארן דער טיפער גלויבן אין דער צייט ווען דא איז דער נאאיווער גלויבן פארטוישט געווארן אין אונטערטענונג מצד די נעכטיקע ריכטער פון תל אביב, וואס היינט זענען זיי אליין אוועקגעזעצט געווארן אויף דער באשולדיקונגס־באַנק פון די פראגער ריכטער.

אזוי האבן זיי זיך באלד צוריקגעצויגן און „דערשראקן פאר דעם משפט פון דער עקדה, און נעמען אן, ווי זייער מנהג איז, דעם דין ראטנווייז, „שטופנווייז", מיט סיסטעמאטישע טריט, גייענדיק א זיג־זאגיגן וועג פון „צוויי שריט פאראויס און איין שריט צוריק".

אזעלכע זענען נישט מסוגל צו קיין שום ווענדונג אדער אונטערזוכונג. נישט אין געדאנק און נישט אין זייער „מענטאליטעט". זיי זענען נאר פארגעבריייטעט צו א „פסיכאלאגישן" ריקצוג — וועלכער הויבט זיך אן מיט א „טראגיש מיספארשטענדניש", וואס ציט זיך אין דעם אונטערזוכונגס־וועג צווישן „אביעקטיוון" חטא און „סוביעקטיוון" מיין און דערגייט צו אונטערגעבן זיך פארן מידת הדין, אויב נישט מידת הרחמים וואס וועלן אמאל באווייזן די פראגער ריכטער.

דא ווערט אויסגעוועבט די גאנצע טראגעדיע פון דער „עקדה" און בלייבט נישט מער ווי די אכזריות׳דיקע לאגיק פון מ פ ק י ר ז י י ן — ווען אפילו מיט וואקלענישן און נישט־דערזאגטע „פארמולירונגען".

און דער כוח פון דער לאגיק איז וואס ער איז חל נישט אויף קיין פרעמדן, נישט אויפן „שכן", נאר אויף דיין בן־בית. דער נסיון איז דווקא אין דעם „קילא פלייש", ווייל ער איז פלייש פון דעם פלייש. דער נסיון איז דווקא אין דעם „קילא פלייש", וואס מען מוז אפשניידן און „ברענגען אלס קרבן".

געוויס און געוויס איז דידאזיקע אפעראציע אין לעבעדיקן פלייש נישט געווען קיין לייכטע און דעריבער מוז מען עס מאכן מיט געדולד, סיסטעמאטיש און נעמען אלערליי מיטלען צו פארשלעפערן אין דער פארם פון רעדעס, דעקלאראציעס און דערקלערונגען. און עס זענען נישט וויכטיק די מינדלעכע אדער שריפטלעכע „פסוקים". דאס וויכטיקסטע איז דער סוף־פסוק און אונטערגעבן זיך און משלים זיין.

און דעריבער איז געגעבן געווארן א באפעל די קינדער פון דער תנועה „חינוך־כית" פון השומר הצעיר, נישט קומען אין באריירונג אין דער פראגע פון פראגער משפט מיט „פרעמדע", אפילו נישט מיט די עלטערן: ווייל אין זייער יונגער נשמה קאן אונטערגעגראבן ווערן די אמונה לגבי דער אויפקלערונג מצד די „מדריכים".

אויך די פראגער ריכטער אין תל־אביב האבן נישט איבערגעלאזט די קינדער און האבן מכשיר געווען זייערע יונגע הערצער אנצונעמען און רעכטפערטיקן דעם דין־פראג.

די פראגער ריכטער האבן געגעבן א געלעגנהייט צו דערקענען קלאר און בולט זייערע קאלעגן אין תל־אביב, ווען מיר האבן דערקענט און דעריבער זענען מיר אוועק פון זיי אין דער ריכטיקער צייט.

(„מאבק", 12.12.52)

דער משפט ווערט פארטגעזעצט

דער משפט ווערט פארטגעזעצט און נאכדעם ווי דער פסק־דין איז ארויסגעגעבן געווארן און דער אורטייל איבער די באשולדיקטע איז אויסגעפירט געווארן.

דער פראגער משפט איז נאר אן אנהויב און נישט קיין סוף. די באשולדיקונג איז נישט נאר קעגנאיבער די צוועלף באשולדיקטע, נאר קעגן א גאנץ פאלק קעגן א גאנצע באפרייאונגס־באוועגונג, קעגן א גאנצע מדינה.

און אויב די זענען די באשולדיקטע, הויבט זיך ערשט אן די גרויסע פארהאנדלונג, וועלכע וועט פארקומען נישט פאר די פראגער ריכטער, ווייל דאמאלס וועלן זיי נישט מער זיין ווי א צד אין דעם וויכוח צווישן אונז און זיי.

ווייל בשום אופן און אין קיין שום פאל וועלן מיר נישט מסכים זיין און נישט משלים זיין צו זעהען אין די פראגער ריכטער די העכסטע אויטאריטעט צו באשטימען דעם גורל פון אונזער פאלק. און אויב דאס טשעכישע געריכט האט זיך גענומען אזא רעכט, וועלן מיר ענטפערן מיט דער אלטער פראגע: מי שמך? ווער האט דיר געגעבן א רעכט דערצו? ווער האט דיך באפולמעכטיקט דערצו?

און אויב די פראגער ריכטער האבן זיך פארגעשטעלט, אז זיי וועלן אונטערגראבן אונזער לעבנס־ווילן דורך דעם פחד און שרעק וואס זיי וועלן ווארפן אויף אונז, האבן זיי דערגרייכט גאר דאס פארקערטע, ווייל די יידישע סאלידאריטעט וועט איבעראל געשטארקט ווערן, מען וועט מער פארפעסטיגן דאס באוואוסטזיין, אז מען געפונט זיך אין א באלאגערונגס־צושטאנד און וועלן קעמפן פאר אונזער נאציאנאלע זעלבסטשטענדיקייט.

מיר וועלן זיך באשיצן און קעמפן קעגן יעדן וועלכער וועט אונז אנגרייפן, אפילו פון דרויסן פון דערווייטנס.

מיר וועלן זיך באשיצן און קעמפן קעגן יעדן וואס וועט קומען אונז שטערן און אפשוועכן פון דער נאנט, פון אינעווייניק.

ווייל די פראגער ריכטער האבן אונז באוויזן צו וואכזאמקייט, עמפפינדלעכקייט און אויך צו באציען זיך מיט חשד.

עס איז אומבאקאנט, צי די פאראנטווארטלעכע פארן פראגער משפט האבן געגלויבט אז עס וועט קומען אזא רעאקציע מצד דעם יידישן פאלק, ציוניסטישע באוועגונג און מדינת ישראל. און אויב זיי זענען איבעראשט געווארן, האבן זיי נאר באוויזן אז זיי האבן אונז נישט דערקענט, גלייך ווי עס האבן אונז נישט דערקענט אנדערע הערשער אין דער וועלט מיט וועלכע מיר האבן זיך ביטער פארהאנדלט.

עס איז אומבאוואוסט, צי זיי האבן ערווארט, אז מיר וועלן באזיצן דעם איבערלעבן כוח אויפצושטיין פון דער באשולדיקונגס־באנק און ווערן א צד — א צד וואס פארטיידיקט זיך און דעריבער אויך א צד וואס באשולדיקט און גרייפט אן. עס קען זיין, אז זיי זענען פארפירט געווארן דורך די פארשטייער פון דער יעווסעקציע און אירע נאכשלעפער אין לאנד און אין אויסלאנד — די וואס ביקן זיך און זענען זיך מודה. און זיי האב נישט געוואוסט, אז מיר קענען זיך נישט ביקן און זענען נישט גרייט „מודה צו זיין".

און אויב זיי האבן געוואוסט און געזעהן פארויס און פונדעסטוועגן האבן זיי אונז פארוואנדלט אין א צד, אין א קעגנער — וועלן מיר ביישטיין אויך דעם קאמף. און אין פולן באוואוסטזיין, אז עס איז נישטא קיין ברירה, וועלן מיר זאגן: טא זאל זיין אזוי!

עס ווערט פארטגעזעצט דער משפט וואס האט זיך אנגעהויבן אין נאמען פון

רעזשים און פארוואנדלט געווארן אין א באשולדיקונגס־אקט קעגן דאזיקן רעזשים, ווי ער איז מגולגל און אנטפלעקט געווארן אין פראגער משפט, ווען ער איז געצוואונגען צו זוכן און צו געפונען א שעיר לעזאזל, וואס איז פאראנטווארטלעך פאר זיינע דורכפאלן.

מיר האבן דערקענט פריהער דעמדאזיקן רעזשים, אין דער תקופה פון לענין, וועלכער האט געקאנט נישט נאר רעדן וועגן זעלבסט־קריטיק נאר אויך מקיים זיין אליין דידאזיקע מצווה. און ווען עס האט זיך באוויזן א פעלער אדער א פארנאכלעסיקונג (ווי אין דער צייט פון דעם קראנשטאטער אויפשטאנד אדער אומרוען אין דארף, אדער אומצופרידנהייט צווישן די שטעטישע ארבעטער) האט ער געהאט מוט מודה צו זיין עפנטלעך און פאר דער הויכער טריבונע, אז די פארטיי איז באגאנגען א פעלער, די רעגירונג האט געזונדיקט און פון דעם איז גארנישט געמינערט געווארן פון דער אידעאישער און מאראלישער אויטאריטעט פון דעם פירער און זיין פירערשאפט..

היינצוטאג איז גארנישט צו טראכטן וועגן א פעלער אדער א דורכפאל אויך נישט אין טשעכאסלאוואקיי. די שטייען דאך העכער פון יעדן פעלער און טעות, אויסערהאלב יעדן חשש און חשד פון א שלעכטע פאליטיק.

און אויב עס ווערט קלאר (היינט אין טשעכאסלאוואקיי, מארגן אין פוילן און איבערמארגן אין רומעניען), אז עס זענען דורכגעפאלן אלע אנשטרענגונגען איינצושפאנען דאס פאלק און די מדינה פאליטיש, מיליטעריש און ווירטשאפטלעך אין מזרח־בלאק, אויב עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז דידאזיקע קעגנערשאפט זיך פולשטענדיק איינגלידערן אין מזרח־בלאק שטויסט זיך אן אויף א פאסיווע קעגנערשאפט אין נוסח פון טשעכישן „סאלדאט שווייק" — דאמאלס האט שוין דער רעזשים קיין מוט פאר זעלבסט־קריטיק, נאר גיין אויפן לייכטן וועג צו געפינען דעם שעיר לעזאזל און אים מקריב צו זיין.

און אין דעם גלגול שרעקט זיך נישט אפ דער רעזשים אויך צו זוכן דעם שעיר לעזאזל אויך דארט וואו עס האבן געזוכט אנדערע רעזשימען.

א טרויעריק עדות האבן אנגעגעבן די פראגער ריכטער — נישט וועגן דער ארבעטער־מאכט אין דער ווירטשאפט, געזעלשאפט און מדינה, נאר וועגן אויסנוצן צום שלעכטן דידאזיקע ארבעטער־מאכט, סיי אידעאיש, סיי פאליטיש און סיי מאראליש.

דעריבער פרייט מען זיך אין קאפיטאליסטישן לאגער אין גאר דער וועלט, וואס וויל זען אין פראגער משפט א פסק־דין אויף דער גאנצער ארבעטער־באוועגונג און דער גאנצער סאציאליסטישער וויזיע.

די פראגער ריכטער זענען די וואס האבן צוגעלייגט א האנט דערצו, פאר דער באנייאונג פון קרייץ־צוג קעגן ארבעטער, וואס ציט די יניקה אין דער ענטאארטונג פון דער ארבעטער־מאכט.

און דאס איז איינער פון די שווערסטע חטאים פאר וועלכן די פראגער ריכטער וועלן מוזן אפגעבן א דין פאר דער גאנצער ארבעטער־באוועגונג אין דער וועלט, די וועלכע האבן דעם משפט אנגעהויבן, נישט האבנדיק מער די מעגלעכקייט צו באשטימען זיינע קאנסעקווענצן.

און ווען דער משפט האט זיך אנגעהויבן, איז אוועקגעשטעלט געווארן פארן משפט דער עמפפינדלעכסטער פונקט אין דעם רעזשים : דאס רעכט פון מענטש און בירגער צו באשיצן זיין עקזיסטענץ און כבוד.

מען האט געקאנט מסביר זיין, רעכטפארטיקן אדער מתרץ זיין דאס איבעריקע חושד זיין, זייענדיק געצוואונגען צו באשיצן זיך פון סכנות וואס דראען פון דרויסן. מען האט אויך געקאנט מסביר זיין און מתרץ זיין דאס איבעריקע חושד זיין קעגנאיבער אינערלעכע שונאים

װעלכע זענען עלול אונטערצוגראבן די ארבעטער־מאכט.

אבער קיין שום זאך וועט נישט קענען פארטיידיקן דאס מחלל זיין די לעצטע רעטונג וואס איז פארבליבן דעם בירגער אין געריכט. און אויב עס גענוגט נישט דעם רעזשים מיט זיין גאנצן מעכטיקן אפאראט וואס שטייט צו זיין רשות, צו קאנטראלירן, אויסצומיידן און באשטראפן, אויב ער איז געצוואונגען צו פארוואנדלען דעם משפט און די ריכטער אלס א טייל פון דעם אפאראט, אויב ער האט מורא צו אקטיוויזירן די מינימאלע רעכט וואס ווערן געגעבן דעם באשולדיקטן צו באשיצן זיך קעגן דער באשולדיקונג — איז דערדאזיקער פחד איינער פון די שווערסטע און טרויעריקע עדות פאר דעם רעזשים, וואס איז נישט זיכער מיט זיך אליין, נישט זיכער אין זיין מאראליש און געזעלשאפטלעכע שטיצע, נישט זיכער אין משפט אלס אנטפלעקונג פון אמת און גערעכטיקייט.

און א בערישער טובה טוען די אלע וואס דינען דעמדאזיקן רעזשים ווען זיי קומען רעכטפארטיקן דעם פראגער משפט שטיצנדיק זיך אויף אומגערעכטיקייט ביי אנדערע רעזשימען אין אנדערע לענדער (ווי דער משפט וואס איז פארגעקומען קעגן דעם פארל ראזענבערג אין די פארייניקטע שטאטן). ווייל דער עצם זיך שטיצן דערויף, די פארטיידיקונג, דערדאזיקער פארגלייך, קומט דאך מבטל מאכן און פארטושן דעם וועזנטלעך־מאראלישן אונטערשיד צווישן די רעזשימען, וואס דארפן זיך אונטערשיידן דווקא אין דעם פונקט: פון דער באציאונג צום מענטש־בירגער.

די פראגער ריכטער זענען געווען די וואס האבן מטשטש געווען די גרונטזעצלעכע גרעניץ צווישן די רעזשימען, זיי זענען געווען די וואס האבן מבטל געווען דעם כח פון גערעכטיקייט און משפט. און האבן העכער געשטעלט פון יעטוועדע גערעכטיקייט און משפט, דעם כ ו ח, זיי זענען געווען די וואס האבן פארוואנדלט די פארמעסטונג צווישן דידאזיקע רעזשימען אין א קאנקורענץ וועגן באנוצן זיך מיט ד י ז ע ל ב ע מיטלען: פון א „געיעג נאך מכשפות״. גערעכטלאזיקייט און אומצוטרוי צום געריכט.

און עס איז נישטא קיין גרעסערע אנגריף אויף דער ארבעטער־מ א כ ט ווי דאס מבטל מאכן דעם גלויבן אין מ ש פ ט פון ארבעטער, ווייל אן אים ווערט אויסגעליידיקט דידאזיקע מאכט פון זיין געזעלשאפטלעכן אינהאלט און ווערט פארוואנדלט אין איינעם פון די רעזשימען וואס קעמפט פאר זיין פארפעסטיקונג און תמיד אנהאלטן זיך.

די פראגער ריכטער טראגן די אחריות פאר דער דיסקרעדיטאציע פון דער ארבעטער־מאכט, ווען זיי האבן אנגעהויבן דעמדאזיקן משפט, אין וועלכן אלץ איז געווען אויסער איין זאך: אויסער א משפט אליין.

(„מאבק״, 5.12.52)

צושטימונג אדער אפגרענצונג

א.

מיר שטייען שוין נאך פראג. נאך די מאמענטאנע זעלישע רעאקציעס הויבן זיך אן וואס אמאל קלארער צו קריסטאליזירן די פארטייאישע שטעלונגען וואס דרייען זיך ארום איין פראגע: צושטימונג אדער אפגרענצונג?

קלאר איז פולשטענדיק די שטעלונג פון מק"י (די יעווסעקישע פארטיי אין ישראל) וואס האט גארנישט געווייגערט אויסצודריקן ביי יעדער געלעגנהייט איר פולשטענדיקע צושטימונג מיט די פראגער ריכטער, און וועלכע עס איז אפגרענצונג, אפילו נישט אין „פיינטעלע ייד", אויך נישט אין דעם פערזענלעכן פונקט פון מ. אורן.

אבער נישט וויניקער פון דעם איז אויך קלאר די שטעלונג פון ניין חברים פון דער פאליטישער קאמיסיע אין מפ"ם (וועלכע רעפרעזענטירן, זעלבסטפארשטענדלעך נישט נאר זיך אליין, נאר וויכטיקע טיילן פון דער פארטיי אין שטאט און אין קיבוץ), וואס אויך זיי האבן נישט געווייגערט אנצונעמען א פולשטענדיקע צושטימונגסשטעלונג, אזוי אז עס איז אוממעגלעך צו אונטערשיידן צווישן זיי און די מק"י.

דער איינציקער און וואגיקער אונטערשיד איז דער, וואס די ניין חברים — אויך איצט ווען זיי זענען אנטדעקט געווארן און זיי האבן זיך מודה געווען — איז ווייטער געגעבן געווארן די פולע מעגלעכקייט צו ווירקן און משפיע זיין אינערהאלב דער פארטיי! דאס איז די פריווילעגיע פון מק"י אינערהאלב מפ"ם קעגנאיבער דער זעלבסטשטענדיקער מק"י וואס געפינט אן אנדער ארבעטס־פעלד און השפעה. אזוי ארום מארשירט מק"י ביי אונז „אויף צוויי פראנטן".

און דאס איז נישט קיין פראגע פון טאלעראנץ און איבעריקן ליבעראליזם פון דער פארטיי קעגנאיבער די מיינונגען וואס קעמפן אינערהאלב איר. דערדאזיקער מפ"ם איז דאך געלעגן מיט אייניקע חדשים צוריק „זיך צו באפרייען" פון דעם „טיטאָאיסטישן אפנויג", דאס מיינט: אונזער פארטיי „לאחדות־העבודה" מיט איר ארגאן „מאבק" („קאמף").

נאר דער מק"יסטישער אפנויג איז ביי זיי א נאטירלעכער געוויקס אין דער פארטיי און דעריבער האט זי די בירגער־רעכט און לעגאלע פארטרעטערשאפט אויך נאך דעם ווי עס איז פולשטענדיק מטושטש געווארן די גרענעץ צווישן אינערלעכער און אויסערלעכער רעפרעזענטאנץ.

אבער דער אפענער מק"יזם איז וויכטיק נישט נאר פאר זיך אליין.

דידאזיקע פולע סאלידאריטעט איז אויך וויכטיק, וואס זי ווארפט א ליכט אויך אויף די איבעריקע טיילן פון דער פארטיי וועלכע סאלידאריזירן זיך אין דער העלפט אפגרענצנדיק זיך אין דער אנדערער העלפט; א מין סאלידאריטעט אין דער אפגרענצונג אדער אפגרענצונג אין דער סאלידאריטעט.

און עס איז גאנץ נאטירלעך ווען ביי די באדינגונגען דרייט זיך די גאנצע דיסקוסיע אין א משונה'דיקן אופן ארום איין פונקט: דעם מאקיסטישן. און עס איז גאנץ נאטירלעך, אז די גאנצע דיסקוסיע ווערט א מין פונקציע פון דעמדאזיקן פונקט אליין און יעטוועדע טייל פון דער פארטיי באשטימט

שוין נישט מער איר פרייע זעלבסט־
שטענדיקע שטעלונג, נאר מעסט דעם
רעלאטיוון מרחק, וואס טיילט
אים אפ פון דעם מאקיסטישן סנה׳איס־
טישן „סוף״.

און אויף דער גאנצער לענג פון דעם
מרחק איז נישט שווער צו געפינען
און ערפינדן פול שטאפעלן, מדרגות
און ניואנסן, לויט וועלכע עס ווערט
געמאסטן די סאלידאריטעט און
אפגרענצונג קעגנאיבער די פראגער
ריכטער — ווען ס׳ווערט פארשווינדן
דער באגריף פון דעם פולן אמת.

ב.

אין דעם גאנצן ענין אין אלע זיינע
אנטוויקלונגען און באשטאנד־טיילן איז
בעסער נישט אפשטעלן זיך אין דעם
עמפפינדלעכסטן פונקט פון דעם פער־
זענלעכן גורל. און דערין איז נישט
צו זען, זעלבסטפארשטענדלעך, קיין
שאטן פון גלייכגילטיקייט קעגנאיבער
דער טראגישער לאגע פון מרדכי אורן.
נאר דער גורל פון דעם מענטש, דער
חבר פון מפ״ם, בילדעט נישט דעם
נייטיקן עלעמענט אין פראגער מש־
פט וועלכער האט געקאנט פארקומען
אין טשעכאסלאוואקיי ווען אפילו מרד־
כי אורן וואלט נישט ארעסטירט גע־
ווארן.

פון דער אנדערער זייט וואלט דאך
געמוזט מפ״ם אננעמען א פרינצי־
פיעלע שטעלונג קעגנאיבער פרא־
גער משפט, ווען אפילו זי וואלט געווען
פריי פון אחריות און חברישן גע־
פיל קעגנאיבער דעם געזעלשאפטלע־
כן און פערזענלעכן גורל פון מ. אורן.

פאקטיש טרייבט די אפגרענצונג קע־
גנאיבער דעם „פונקט אורן״ אין פרא־
גער משפט נישט וויניק מפ״ם (און
באזונדערס דעם השומר הצעיר)זיך
אפגרענצן אויך אין אנדערע פונקטן.
אבער מיר וועלן טון א חסד מפ״ם ווען
מיר וועלן נישט נעמען אין אכט דידא־
זיקע השפעה און וועלן בודק זיין די
שטעלונג פון דערדאזיקער פארטיי,
גלייך ווי זי וואלט פריי אנגענומען גע־
ווארן אָן שום קשר מיט דער שווערער
וואונד וואס עס האט באקומען די פאר־
טיי אליין בכלל און דער קבוץ ארצי
בפרט. דעריבער וועלן איר איבער־
שפרינגען דעם „פונקט אורן״ בכדי אי־
בערגיין צו א אנדער וואונד, וואס האט
באקומען נישט די פארטיי און נישט
דער קבוץ, נאר די מדינה, מדינת יש־
ראל.

און דא גענוגט שוין נישט זיך אפ־
גרענצן פון די פראגער ריכטער, וואס
פסלען מדינת ישראל, אויב עס ווערט
באלד צוגעשטעלט (פאר גלייכגעוויכט
און נייטראליזאציע!) די אפגרענצונג
פון דער פאליטיק פון דער איצטיקער
רעגירונג פון מדינת ישראל.

נישט דעריבער ווייל מען דארף זיך
סאלידאריזירן מיט דער פאליטיק נאר
ווייל דווקא דא איז פסול דאס פארבינ־
דן אין דער סמיכות הפרשיות און דאס
באדייטעט א אפגרענצטע סא־
לידאריטעט מיט די פראגער ריכ־
טער און זייער באציאונג צו מדינת
ישראל. דווקא דאָ פאדערט זיך א פולע
פאנאנדערטיילונג פון מדינה
און רעגירונג.

ווייל קיין שום רעגירונג און
קיין שום רעגירונגס־פאליטיק
זענען ביכולת צו פסלען דעם אבסא־
לוטן ווערט פון מדינת ישראל

עס איז דאך אוממעגלעך, אז אין
פראג (אדער אין א אנדער ענלעך ארט)
זאל געמאכט ווערן דער פראווו צו
פסלען וועלכע עס איז מדינה, ווייל זי
געפינט זיך אין דעם אטלאנטישן בלאק
און איר רעגירונג ווערט באשולדיקט
אין אנשליסן זיך דעם מערב.

גלייך ווי עס איז אוממעגלעך, אז
וועלכע עס איז ארבעטער־פארטיי אין
איינע פון די מדינות זאל משלים זיין

מיטן פסלענען די גאנצע מדינה צוליב
א פעלערהאפטער רעגירונגס־פאליטיק.

און מיר האבן דאך דאס רעכט בכבוד
צו האלטן דעם אבסאלוטן ווערט פון
אונזער מדינה נישט ווייניקער ווי עס
טוען די ארבעטער אין אנדערע לענ־
דער, וואו זייער מדינה דינט נישט אלס
היים פאר זייערע צעזייטע ברידער.

און דעריבער — די אפגרענצונג אין
דעם פונקט לגבי פראגער משפט קאן
נישט זיין קיין אנדערע ווי א אבסאלוטע
און אן שום „תוספות", ווייל יעדע ווײ־
טערע אויפקלערונג און באגרינדונג,
וואס איז געווענדעט קעגן די רעגי־
רונגס־פאליטיק, האט אין די באדינ־
גונגען נאר איינאיינציקן פירוש, וואס
איז: צושטימען מיטן גזר־דין איבער
דער גאנצער מדינה.

***

און גלייך ווי עס איז פסול צו פאר־
בינדן און מאכן אפהענגיק דעם אבסא־
לוטן ווערט פון דער מ ד י נ ה דורך דער
לויפנדער פאליטיק פון דער ר ע ג י ־
ר ו נ ג, איז עס אויך פסול (לאגיש
פאקטיש און מאראליש) א פ צ ו ט י י ל ן
צווישן מדינת ישראל און די ציוניס־
טישע באוועגונג, וועלכע איז אויך פון
א ב ס א ל ו ט ן ווערט.

און אויך דא אן וועלכע עס איז „תו־
ספות" לגבי די פארשידענע פאליטי־
שע שטרעבונגען אין דער ציוניסטי־
שער באוועגונג, וועלכע עקזיסטירן
אויך צווישן אנדערע באוועגונגען פון
נאציאנאלער באפרייאונג.

אנטשפרעכנד צו דער ב א ש ו ל ד י ־
ק ו נ ג דארף אויך זיין דער אינהאלט
פון דעם ע נ ט פ ע ר.

אין פראג איז געפאלן די פ ר י נ צ י ־
פ י ע ל ע באשולדיקונג לגבי דעם ציו־
ניסט ווייל ער איז א ציוניסט. און אלס
א ז א ציוניסט דארף מען אויך געבן
די פרינציפיעלע תשובה, אז אונזער
נאציאנאלע באפרייאונג און אויפלע־
בונג איז טיפער, אייביקער, מער בא־
רעכטיקט און איינגעווארצלט אין דעם
לעבנס־ווילן פון פאלק אלס די ענדע־
רונגען אין דער לויפנדער פאליטיק.

און דער דרך־ארץ פאר דעם „נצח
הציונות" איז געפאדערט און בארעכ־
טיקט נישט אין א קלענערע מאס ווי
די באציאונג פון סימפאטיע וואס די
פראגער ריכטער ווייזן ארויס קעגנאי־
בער נאציאנאליסטישע באוועגונגען און
אנדערע לענדער (מצרים און פערסיע)
נישט קוקנדיק אויף זייער פאשיסטישן
כאראקטער.

און דעריבער — איז די אפגרענצונג
פון פסלען דעם ציוניזם קאן נישט זיין
קיין אנדערע ווי א א ב ס א ל ו ט ע און
בשום אופן קען מען זי נישט אפשווא־
כן אדער אונטערגראבן דורך נאך א
אפגרענצונג קעגנאיבער דעם כאראק־
טער פון דער ציוניסטישער באוועגונג
אין אלע אירע טיילן.

אונזער צווישנפארטייאישער געראנ־
געל אין ציוניסטישער באוועגונג קא־
נען בשום אופן נישט דינען אלס אנ־
האלט פאר וועלכע עס איז פארטיידי־
קונג און אנטשולדיקונג צוליב אונזער
אנגעהעריקייט צו דער באוועגונג. אונ־
זער דאזיקע אנגעהעריקייט איז נישט
אפהענגיק כלל פונעם פראצעס און רע־
זולטאט פון דעם אינערלעכן געראנגל
וועגן כאראקטער און וועג פון דער
באוועגונג.

„מיר געהערן" צום ציוניזם, ווייל
ער „געהערט" צו אונז און מען קען
דעם ציוניזם נישט אפטיילן פון אונז
אדער אים פסלען, נישט פסלנדיק אונז
„אזוי ווי מיר זענען".

און אזוי ווי פסול איז דער קשר צווי־
שן דער באציאונג צו מ ד י נ ת ישראל
און די פ א ל י ט י ק פון ישראל, א־
זוי איז אויך פסול (דווקא אלס תשו־
בה צו פראג) יעטוועדער סמיכת־הפר־
שיות צווישן דעם ציוניסטישן „נצח"
און דעם „כאראקטער" פון דער ציו־
ניסטישער באוועגונג און יעדער „צו־

גאב", וואס וויל „טאדלען" (גראד איצט!) דעם וועג און כאראקטער פון דער ציוניסטישער באוועגונג, האט נישט קיין אנדער משמעות און כוונה נאר „וויכער" מאכן די פרינציפיעלע סאלידאריטעט מיטן ציוניזם און געבן א טיילווייזע צושטימונג דעם פסק־דין פון די פראגער ריכטער.

און דאס וואס איז חל אויפן ציוניזם איז אויך חל אויפן יידישן פאלק.

ווייל וואס איז דער וואונדער, אז דער אנגריף אויפן ציוניסט אלס ציוניסט ווערט אויך א אנגריף אויפן ייד אלס ייד?

דאס איז דאך די לאגיק פון אונזער נאציאנאלן לעבנס־ווילן, אז מען קען נישט פאנאנדערטיילן צווישן ייד און ציוניסט.

און דאס איז אויך די לאגיק פון די פארשידענע פראגער ריכטער, וואס ווייסן נישט און קענען נישט אונטערשיידן צווישן א בולטן ציוניסט און סתם־ייד (אויך א פיזיאלאגישער ייד), וואס איז אין זייערע אויגן א „פאטענציאנעלער" ציוניסט, וועלכער איז עלול זיך ארויסצווייזן און זיך פירן אלס ציוניסט.

שטארק איז די לאגיק פון פראג, וואס שטעלט פעסט די יסודותדיקע סאלידאריטעט פון ציוניזם און יידנטום און אין נאמען פון דער לאגיק ווערט דער אנטי־ציוניזם פארוואנדעלט אין אנטיסעמיטיזם.

און מען קען דערפון נישט אנטלויפן זיך פאררופנדיק אויף געזעצן, וואס אסרן דעם אנטיסעמיטיזם אלס קרימינעל פארברעכן.

ווייל אויב דער ציוניזם איז א חטא, איז דאך א פארברעכער יעדער „קאנדידאט צום ציוניזם", יעדער ייד.

און עס איז נישט וויכטיק, צי צו דעם האבן זיך מתכוון געווען די פראגער ריכטער, ווייל אויך די לאגיק האט אויף זיי א ווירקונג. און דידאזיקע לאגיק זאגט זיי, אז די ציוניסטישע באוועגונג און דאס יידישע פאלק זענען דאסזעלבע און מען קען זיי נישט פאנאנדערטיילן.

און אויף דעם ייד (מעג ער זיין א טשעכישער אדער א סלאוואקישער פון „יידישער אפשטאמונג"), איז ארויס דער רוגז אין פראגער געריכט.

מיר האבן דעריבער נישט קיין ברירה ווי אנטשפרעכנד צו דעם אלגעמיינעם „רוגז" צו ריכטן אונזער פולע און אלגעמיינע תשובה.

און עס קאן נישט געגעבן ווערן קיין אנדער תשובה ווי צו פארשטארקן די יידישע סאלידאריטעט, ווייל אויך די פראגער ריכטער מאכן אונז „פאראנטווארטלעך איינער דעם צווייטן" מיט קעגנזייטיקער נאציאנאלער פאראנטווארטונג.

זאלן מיר נעמען אויף זיך די ערבות און אחריות לויטן פראגער נוסח: פון „יידישער אפשטאמונג". זאלן מיר עס אננעמען טעארעטיש מיטן פולן מויל אלס יידן. אויך זאלן מיר עס אננעמען אויך פראקטיש אלס ציוניסטן וואס רעאליזירן די נאציאנאלע סאלידאריטעט דורך עליה און העפלה קיין ארץ־ישראל.

דאס איז די מסקנה וואס פארפליכטעט דווקא די פראגער ריכטער מקיים צו זיין די תביעה „שלח את עמי!"

אבער דאס איז אויך די מסקנה, וואס אין איר ווער פארוואנדעלט יעדע אפגרענצונג פונם פראגער משפט אין א זעלבסטפארטיידיקונג, וואס אין איר ווערט דערשטיקט די שטים פון נאציאנאלער פאדערונג און תשובה.

ג.

אבער אויך איז דער אמת, אז די יידישע תשובה וועט נישט זיין קיין פולע, אויב מען וועט זיך אפקערן פון דעם „טשעכישן ענטפער", וואס

דאַרף געגעבן ווערן דעם פּראַגער משפּט.

ווייל גאָר אין דעם משפּט איז באַוויזן געוואָרן ווי ווייט אומגערעכט איז אונזער עמפּפינדלעכקייט לגבי דעם „פּינטעלע ייד" און קעגנאיבער דעם „ייחוד" פון דעם ייִדיש־ציוניסטישן פּראָבלעם — אויב מיר נעגירן וועלכן עס איז ייחוד פון אַנדערע פעלקער.

אָבער דאָס איז דאָך נישט דאָס אמתע בילד פון טשעכאָסלאָוואַקישן פאָלק, ווי עס איז געגעבן געוואָרן אין פּראַגער משפּט. דאָרט איז פאַרפעלשט געוואָרן דאָס בילד פון אַרבעטער, פּויער און טשעכאָסלאָוואַקישן סאָלדאַט, וועלכער פילט נישט קיין שנאה צו מדינת ישראל, צום ציוניזם און צום יידישן פאָלק. דער היפּך דערפון איז ריכטיק.

אָבער דאָס פאָלק שווייגט איצט, עס דרייען זיך אַרום דער סאָלדאַט־שוויק, דער אַרבעטער־שוויק, דער פּויער־שוויק, נישט קאָנענדיק אויפהויבן דעם קאָפּ און שטים.

ווי אַזוי קענען מיר פאַרלאַנגען פון אים צו באַשיצן אונזערע רעכט און צו באַשטימען אונזער נאַציאָנאַלן גורל — אויך אין קעגנזאַץ צום גזר־דין פון די פּראַגער ריכטער — אין דער צייט ווען מען האָט צוגענומען פון אים דאָס רעכט צו באַשטימען זיין גורל?

פון דעם פאָלק האָט מען דאָך צוגענומען דאָס רעכט און די מעגלעכקייט צו רעאַגירן אין וועלכער עס איז מאָס אויף וועלכן עס איז גזר־דין, נאָך דעם ווי ער האָט זיך „איינגעגלידערט" אין דעם מזרח־בלאָק נישט ווי אַ גלייכער צווישן גלייכע נאָר אויפן יסוד פון אננעמען דעם דין און צידוק־הדין. ער האָט נישט קיין שום שליטה דערויף און דעריבער האָט ער נישט קיין שליטה און קיין שום אחריות אויך אויף דעם משפּט וואָס איז געריכטעט קעגן אונז.

דאַסדאַזיקע פאָלק איז נישט קיין שונא ישראל, נאָר ליידט מיט אונז צוזאַמען גלייך ווי עס האָט אונז געהאָלפן מיט פיר יאָר צוריק.

און מיר האָבן נישט קיין רעכט צו פאַרלאַנגען און צו באַשטימען פאַר זיך די פּריווילעגיע ווידערצושפּעניקן די פּראַגער ריכטער וואָס האָבן אונז אָנגעגריפן — אויב מיר ווילן נישט אָנערקענען דיזעלבע רעכט דעם טשעכאָסלאָוואַקישן פאָלק ווידערצושפּעניקן דידאָזיקע ריכטער און זייערס גלייכע אויב זיי גרייפן אים אַליין אָן.

און עס איז אַ נקמה פון דער לאָגיק און מאָראַל דערמיט אַז דאָס אוועקנעמען דאָס רעכט צו זעלבסטשטענדיקייט פון איין פאָלק מוז אָנגרייפן אין דעמזעלבן רעכט פון אַ אַנדער פאָלק און וועט אויך אונזער פאָלק נישט לאָזן צורו.

ווייל דאַסדאָזיקע רעכט אָדער עס עקזיסטירט לגבי אַלע פעלקער לויט דעם „ייחוד" פון יעדן באַזונדער, אָדער עס עקזיסטירט נישט בכלל.

און מען דאַרף אונז נישט שרעקן מיט טיטאָ און „טיטאָאיזם". דאָס רעכט פון זעלבסטשטענדיקייט און גלייכהייט פון יעדן פאָלק און זיין אַרבעטער־באַוועגונג איז דאָך ביי אונז הייליק געווען נאָך איידער מיר האָבן געוואוסט וועגן אַ מענטש וואָס הייסט טיטאָ. און

אַ וודאי האָבן מיר נישט די באַדערפניש און קיין אינטערעס צו טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם וואָס געשעט אין זיין לאַנד און אין דער באַוועגונג פון טיטאָ, בכדי מיר זאָלן אָנערקענען דאָס רעכט פון יעדער אַרבעטער־באַוועגונג צו זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס געשעט אין איר לאַנד.

דאָס אוועקרויבן דאַסדאָזיקע רעכט פון טשעכאָסלאָוואַקישן פאָלק האָט דערמעגלעכט אַזאַ פּראַגער משפּט. דאָס

איז א פאדערונג וואס איז חל אויך אויף
די וואס רעדן טשעכיש און סלאוואַ־
קיש — אויב עס איז חל אויך אויף
אונז.

***

און אין דער מאָס איז פעסטצושטע־
לן, אז אזא פראגער משפט קאן נאר
פארקומען אין א רעזשים, וואו די אר־
בעטער־רעגירונג און ארבעטער־מש־
פט איז פארקריפּלט געווארן און דער
פחד און אפשרעק האבן זיי באהערשט.
מיר ווע‌לן דאך בשום אופן נישט אנ־
נעמען די גזירה, אז עס עקזיסטירט א־
דער דער וועג פון הענגען אדער נאכ־
זאגן „אמן" און צווישןביידע, גארנישט.
מיר געדענקען נאך די אנדערע טעג
פון א ארבעטער־רעגירונג, ווען עס איז
נאך געווען „עפעס", ווען אונטער דער
פירערשאפט פון לענין האבן זיך גע־
פירט לעבהאפטע דיסקוסיעס אין די
פארטיי־און מלוכה־אינסטיטוציעס —
און נישט אין שאטן פון הענגען, און
דער פאקטישער כוח פון די מאראלישע
פרעראגאטיוון פון דער רעגירונג זענען
גארנישט געמינערט געווארן.
מען קען האבן א ספק, צי דאס פאר־
קריפלען פון דעם רעזשים, איז בכוח
צו פארשטארקן די געטרייע און פאר־
וואנדלען „שווייקן" אין א זיכערע אונ־
טערשטיצונג. דער אמת איז, אז די צאל
„אפנויגערס" און „אויף וועלכע מען
ווארפט א חשד" ווערט גרעסער, און
דאמאלס דערשיינט דער שאטן, אדער
דער שאטן פון שאטן, דער „אייביקער
ייד".

דידאזיקע מסקנה „געהערט אויך צו
אונז", סיי אלס יידן, און ציוניסטן און
סיי אלס ארבעטער און סאציאליסטן,
וועמענס אמונה און האפנונג אין א אר־
בעטער־רעגירונג איז נישט אונטערגע־
בראכן געווארן, נישט קוקנדיק אויף
די אלע פארקריפּעלונגען וואס זענען
בולט געווארן אין אזא שרעקלעכער
פארם אין פראג — און נישט נאר אין
פראג.

און נאר אזא נישט־אויסמיידנדע
תשובה אויף דער גאנצער ליניע פון די
אלע „פונקטן" וואס זענען דא פארציי־
כנט געווארן, נאר א מוטיקע און דורכ־
געטראכטע אפגרענצונג, איז בכוח איי־
בערצוּווינדן די וועלן פון שנאה וואס
האבן אונז פארפלייצט אין די טעג
אלס יידן, ציוניסטן און ארבעטסמענ־
טשן.

אויך דידאזיקע כוואליע קאן מען
ביישטיין און איבערווינדן, ווען מען
איז באוואפענט מיט דעם ריינעם גע־
ווער פון דעם אידעאישן און געוויסנ־
האפטן אמת — פון ג א נ צ ן אמת.

(„מאבק", 12.12.52)

די ציוניסטישע פשרה

דער באשלוס וואס איז סוף סוף אנגענומען געווארן אויף דער מועצה פון מפ״ם ארום דעם פראגער משפט, דארף באטראכט ווערן אלס א פשרה צווישן צוויי סיעות פון צווישן יענע דריי סיעות וואס קריסטאליזירן זיך אין דער פארטיי. ווער עס זעט אין דעם באשלוס א „פשרה״ איז גלייך ווי ער וואלט געקומען צו דיר מיט א בקשה זיך באציען צו דעם באשלוס נישט במידת הדין, ווי עס פאסט פאר אזא ערנסטע פראגע, נאר במידת הרחמים, ווי עס פאסט פאר אזא אומגליקלעכע פארטיי.

די ערשטע פראגע איז: דורך וועמען און מיט וועמענס באוואוסטזיין איז אנגענומען געווארן דערדאזיקער פשרה־באשלוס. עס איז דאך א פאקט, אז דערדאזיקער באשלוס איז נישט אנגענומען געווארן מיט דער הסכמה פון דער גאנצער מפ״ם, נאר ביי דער אפענער בפירושער קעגנערשאפט פון דער מק״י־פראקציע אינערהאלב דער פארטיי, דאס הייסט, אז די באזע אויף וועלכער איז שטיצט זיך דער באשלוס איז פארשמעלערט געווארן און פאר דעם פרייז האט מען דערפירט צו א גרעסערער אידעאלאגישער קאנסאלידאציע ביים אננעמען א זעלבסטשטענדיקע שטעלונג. און אזוי זעט אויס די „ציוניסטישע פשרה״, צו וועלכער עס איז מסוגל צו דערגיין מפ״ם, אויך נאך דעם ווי זי האט מוותר געווען אויף דער הסכמה פון איר אייגענער מק״י? דאס איז דאס מאקסימום פון אידעאישער זעלבסטשטענדיקייט צו וועלכער די פארטיי האט געקאנט זיך דערהויבן נאר אויף א שמאלע באזע פון צוויי „ציוניסטישע סיעות״! און דאס איז, זעט זיך אויס דער „אידעאל״ פון קלארקייט און אידעאיש פאליטישע אומאפהענגיקייט, צו וועלכער איז עלול צו דערגיין די „אויסגעבעסערטע״ מפ״ם, נאך דעם ווי מען וועט באזייטיקן די סנה׳איסטן פון דער פארטיי!

און די צווייטע פראגע איז: פאר וועמען איז פארמולירט געווארן דערדאזיקער באשלוס? אויב די כוונה איז פאר די פראגער ריכטער (וועלכע רעדן לאוו דווקא טשעכיש), איז זער צו צווייפלען אין דער פאליטישער רייפקייט פון דעמדאזיקן „דאקומענט״, וועלכע קאן נישט איבערצייגן אדער משפיע זיין, נישט בכדי זיך צו פארטיידיקן אדער „זיך רייניוואשן״, נישט צו ווארענען אדער אפצושרעקן. דאס איז דאך איינע פון די „פארפוילטע פשרות״ וואס רופן ארויס (נישט נאר ביי די פראגער ריכטער) פארשידענע געפילן, אויסער דעם געפיל פון כבוד. און עס איז נישט כדאי די גאנצע טירחה איבערצוזעצן דעם גאנצן חיבור אין א פרעמדער שפראך פאר אויסערלעכן געברויך.

אבער די דריטע וויכטיקע פראגע איז, וואס איז דער טעם און תכלית פון דעם באשלוס פון שטאנדפונקט פון „אינערלעכן״ געברויך? די מחברים פון דער „פשרה האבן דאך געדארפט האבן פאר זיך, קודם־כל, דעם יידישן ארבעטער און די יוגנט אין מדינת ישראל אדער גאר זענען זיי פארשווינדן געווארן ביי די וועלכע האבן פארמולירט דעמדאזיקן באשלוס אין די ד׳ אמות פון דער „רעזאלוציע קאמיסיע״.

דער ארבעטער מיט זיין לעבנס־נסיון און נאכמער דער יונגער דור האבן זיך שוין פון לאנג אפגעוואוינט פון די שטרויכלונגען, וועלכע האבן פארדארבן אונזער גייסטיקע וועלט. זיי איז מיאוס געווארן די מליצה — און זאל עס זיין אפילו א „ציוניסטישע אדער א „רעוואלוציאנערע״ מליצה און אויך איז זיי מיאוס געווארן יעטוועדע „פארמולירונג״, וואס האט די אויפגאבע צו פארדרייען דעם

אמת, זיך „קליגערן", פארנעפלען און איינ־קלעמערן אין „וויסנשאפטלעכע" פארמולירונג.

וואס עס פארלאנגט זיך איצט, און די פאדערונג ווערט וואס א מאל שטארקער, איז יושר און קלארקייט, קלארקייט און יושר — אינטעלעקטועלער יושר, וואס קומט אלץ ארויסשעפן, און מאראלישער יושר, וואס דארף נישט „בארויקן", נאר פארפעסטיקן און פארבראנירן דאס געוויסן.

אין דער גאנצער מחנה ווערט וואס שטארקער די שטים פאר אזא יושר און באזונדערס אין די טיילן וועמענס גייסטיקע און אידעאישע וועלט איז חרוב געווארן. עס איז דאך נישט מעגלעך אזא ערנסטער קריזיס נאר אין א ארט וואו אזא קריזיס האט געקאנט ארויסגערופן ווערן. ביי די וועלכע לעבן אויף דער מליצה אדער פארמולע פון א „שיינע רעדע" איז דאך גארנישט געשעהען, ווייל זייער גייסטיקע וועלט קאן נישט ארויסרופן קיין קריזיס, נאר איז ווי גומי, וועלכע מען קען ציהען אין אלערליי זייטן. אזעלכע קענען זיך ארומדרייען זייער גאנץ לעבן „צערמישט" און נהנה זיין פון דער אידעאישער און מאראלישער פארנעבלונג.

אבער דער, וועמענס וועלט איז חרוב געווארן, קאן נישט פארפעסטיקן זיין חרוב געווארענעם בנין דורך פארפוילטער ברעטער פון וועלכער עס איז „פשרה". דווקא דער וואס האט געלערנט פון אייגענעם נסיון, מוז גוט בודק זיין די „בוי־מאטעריאלן" און אונטערשיידן צווישן „זאמד" פון פארמולע און מליצה און א „געברענטע ציגעל" וואס איז דורך דעם אויוון פון געדאנק און געוויסן.

און אזא פשרה־באשלוס פון מפ"ם וועט אפילו אויף א מינוט נישט אויסהאלטן ביי די ריכטער וואס פארשן זי גרינדלעך אויס, נישט ווערנדיק גאר באאיינפלוסט פון די בכבודיקע נעמען וואס האבן מיטגעהאלפן און „סומך געווען" אויף דעם קאמפראמיס.

און אין דריי פראגן וועט אנאליזירט ווערן דערדאזיקער באשלוס: וואס איז איר לאגיק? וואס איז איר פאליטישע באדייטונג? און וואס איז דער מאראליש־דערציערישער ווערט פון איר?

ב.

דער אמת איז, אז עס איז נישטא קיין גרויסער ווילן און אינטערעס צו מאכן דעמדאזיקן אנאליז. און דער אמת איז, אז נאכן ערשטן דורכלייענען וויל זיך עס נישט נאכאמאל לייענען.

ווייל אויך דער וואס האט א „שוואכקייט" צו אזעלכע אנאליזן, וועט אויך נישט דארפן אנשארפן דאס מעסער בכדי צו שניידן א לעבעדיקן און גאנצן גוף, מען וועט זיך קענען באגנוגענען מיט א פשוט מעסער, בכדי מטפל צו זיין מיט דער „זאמלונג", אין וועלכער מען וועט געפונען פיל „ציוניסטישע שטיקער", לאנגע און פארשידענע — עס זעט זיך אויס לויט די צאל מיטגלידער אין דער רעזאלוציע־קאמיסיע, אבער וואס מער מען באמיט זיך אין דידאזיקע „שטיקער" צו בארימען דעם פראגרעסיוון כאראקטער און באפרייאונגס־אויפגאבע פון ציוניזם, דערוועקט זיך וואס אמאל שארפער די פראגע: ובכן, פארוואס האט אזא באוועגונג זוכה געווען צו אזא באציאונג מצד די פראגער ריכטער און מצד די וועלכע שטייען הינטער זיי? צי זענען זיי נישט ביכולת עס צו פארשטיין אדער מפ"ם איז נישט בכוח זיי איבערצוצייגן און מסביר צו זיין?

און ארום דעמדאזיקן פונקט דרייט זיך דער באשלוס, דרייט זיך און פארדרייט, נישט געפינענדיק קיין שטיקעל אויסוועג. אזוי ווערט איינמאל געזאגט אין דעם באשלוס, אז פאר אונז איז „אשרעקלעכער אויסדרוק פון א ווענדונג", און אין א צווייטן פסוק: „מיר זענען איבערצייגט, אז די ווענדונג וועט נישט אנהאלטן און פאריבערגיין". בדרך כלל, שרעקלעכע זאכן גייען נישט פאריבער, באזונדערס אין דער „שרעקלעכער וועלט".

אויף וואס שטיצט זיך דידאזיקע אינערלעכע „איבערצייגונג"? דאס רעדט זיך דאך נישט וועגן האפענונג אדער וואונטש אז יעדער באוואוסטזיניקער ייד זאל זיין א שותף בכדי צוריקגעווינען די אונטערשטיצונג פון סאוויעט־רוסלאנד. אבער וואס עס פאדערט זיך דא, איז א איבערצייגענדער באווייז, און אט איז געשעהען א משונהדיקע זאך, אז דווקא דערדאזיקער באשלוס גיט בהיסח הדעת א פארקערטן באווייז.

ווייל דער באשלוס גיט צו און רעכנט אויס אויך „אייניקע פאקטארן וואס האבן דערפירט צו דער פארערגערטער באציאונג פון דער קאמוניסטישער וועלט צום ציוניזם"? און צווישן זיי: „די עקסטעריטאריאלקייט פון דעם גרעסטן טייל פון אונזער פאלק און די אלוועלטלעכקייט פון אונזער נאציאנאלע באפרייאונגס־באוועגונג און די היסטארישע נויטווענדיקייט פארטצוזעצן דעם קיבוץ־גלויות דורך א מאסן עליה פון אלע לענדער און פון אלע רעזשימען און דווקא אין דער תקופה פון אינטערנאציאנאלע פארשטארקטע און אנגעשטרענגטע באציאונגען און פון דער סכנה פון א דריטער וועלט־מלחמה".

ובכן, וואס איז דא „פאריבערגייענד"? צי וועט פארשווינדן דער עקסטעריטאריאלער כאראקטער און אלוועלטלעכקייט פון ציוניזם? א וודאי וועט עס פארשווינדן — אבער נאר נאך דעם ווי דער ציוניזם וועט ווערן רעאליזירט, און דאמאלס וועט ממילא „בטל ווערן" דער ציוניזם אין דער מדינת ישראל און ממילא וועט אויך בטל ווערן דאס גאנצע פראבלעם פון „באציאונג צום ציוניזם", ווייל עס וועט נישט זיין צו וואס „זיך באציען". און די גאנצע פראגע איז דאך וועגן דער באציאונג צום ציוניזם, וואס איז נאך נישט רעאליזירט געווארן און עס ליגט אויף אים „די היסטארישע נויטווענדיקייט" צו ווערן רעאליזירט דווקא אין אט דער געשפאנטער תקופה.

און אויב עס איז ריכטיק דער זאץ וועגן דעם הויפט־פאקטאר פון „פארשלעכטערן די באציאונג" צו אונז, קאן די מסקנה זיין א דאפעלטע: אדער גערעכט זענען די סנה'איסטן וועלכע זענען גרייט „מותר צו זיין אויפן ציוניזם" ביז עס וועט נישט „פארשווינדן" דידאזיקע באציאונג (א נייער גלגול פון „פראגנאסטישן" ציוניזם און אקטועלער ליקווידאציע) אדער גאר . . לאגיק איז מיט די וועלכע זענען משלים מיט פולן צער מיט אזא באציאונג און נאר נישט מותר זיין אויפן ציוניזם און דאמאלס וועט מעגלעך זיין, אז דאס משלים זיין וועט שוין אויף א לענגערע צייט בלייבן.

אבער דער „פשרה"(!)־באשלוס באגנוגנט זיך נישט מיט דעם פאקטאר, וואס קלערט אויף די פארשלעכטונג פון דער באציאונג צום ציוניזם. דער באשלוס גיט צו א צווייטן פאקטאר, וואס בארעכטיקט אויך אזא באציאונג, ווייל „מען קען נישט מבטל מאכן דעם גרויסן חלק" אין דער פארערגערונג אויך פון ישראל־פאליטיק. אין דעם פונקט וועט מען א וודאי קענען דערגרייכן א איינשטימיקייט, צוזאמען מיט דער סיעה מק"י פון אינעווייניק מיט דער צושטימונג פון די מק"י־פארטיי פון דרויסן.

און אויב עס איז נישט גענוג מיט אויפקלערונג און רעכטפארטיקונג, האט צוגעגעבן דער באשלוס נאך א דריטן פאקטאר (וועלכער פארנעמט דעם אויבנאן אין דעם באשלוס). און דאס איז די אלגעמיינע הנחה וועגן דער „טראדיציאנעלער ליניע פון קעגנערשאפט צום ציוניזם מצד דער קאמוניסטישער וועלט". מיר ווייסן אבער, אז דידאזיקע וועלט קען אויך ברעכן יעטוועדע טראדיציאנעלע ליניע אויב מען געפינט איין די נויטווענדיקייט דערצו. אבער אויב מען קומט מבליט צו זיין דווקא דעם כוח פון דער טראדיציע, טא צוליב וועלכן טעם און לאגיק צו האלטן אז דאס איז א „פאריבערגייענדע ווענדונג"? און א טראדיציאנעלע „פאריבערגייענדע" ווענדונג איז א ספק צי עס

באזיצט פון טראדיציע אדער פון לאגיק.

אבער, ווי עס זעט זיך אויס, דארף מען פארויס מוותר זיין אויף יעדן נסיון צו געפונען לאגיק אין דעם חיבור פון דער „פשרה". אט שטעלט פעסט דער באשלוס, אז „אין דעם משפט איז צוגעטשעפעט געווארן דער יידישער אפשטאם פון די באשולדיקטע אין שפיאנאזש, סאבאטאזש און פאראט, א זאך וואס דארף באטראכט ווערן אלס דורכפאל וואס האט ארויסגערופן א ציטער צווישן די יידישע מאסן". און ווידעראמאל „מפ"ם איז זיכער אז דערדאזיקער דורכפאל, וואס האט נישט קיין טעארעטישן און נישט קיין פראקטישן שורש אין דער קאמוניסטישער וועלט, וועט פאריבערגיין".

דער עיקר פון דער מורא איז דאך נישט פאר אויסגערעכנטן און פלאנירטן אנטיסעמיטיזם, נאר פאר דער ברוטאלער „ציוניסטישער לאגיק" וואס אנטפלעקט זיך אין דעם „דורכפאל", ווייל ווי באקאנט — איז דער ציוניזם פון „יידישער אפשטאמונג". און ווי באקאנט — איז יעדער ייד א „פאטענציאנעלער ציוניסט" — אויך ביי אונז און אויך ביי די „גויים". און דעריבער ווער עס פסלט דעם ציוניזם, מוז אויך „דורכפאלן"ביים פסלען דעם „יידישן אפשטאם".

געוויס האט עס נישט קיין „שורש אין דער טעאריע און פראקטיק אין דער קאמוניסטישער וועלט". ס'איז אבער דא א מער וויכטיקער שורש, פיל ברוטאלער: דאס איז פון דער לאגיק וועלכער איז „חושד אין ציוניזם" יעטוועדן ייד, אפילו „אנטיציוניסטן, קאסמאפאליטן און די פרעמדע דעם יידישן פאלק", ווי עס באצייכנט דער באשלוס די באשולדיקטע פון פראג.

און אויב קעגנאיבער דעם ציוניזם איז געשען א „שרעקלעכע ווענדונג" וואס איז דער טעם צו רעדן וועגן א „פאריבערגייענדן דורכפאל" אין דעם אנגעווייטיקטן פונקט פון „יידישער אפשטאמונג"? גלייך ווי דעם באשלוס פון מפ"ם באשולדיקט די פראגער ריכטער און נאכלעסיקייט אדער צופעליקער און פאריבערגייענדער לאפסוס.

עס איז נישט נויטיק (און אוודאי איז נישט געווען די כוונה) צו פארשווארצן נאך מער דאס בילד. אבער קיין באוואוסטזיניקער מענטש וועט נישט מסכים זיין זיך צו טרייסטן און זיך בארואיקן נאך אזעלכע דיבורים וועגן „דורכפאל". נאר מיט א טיפן ציטער וועט ער דווקא זוכן דעם טיפן שורש: דעם שורש פון אנטי־ציוניזם וואס בדרך הטבע גיט ארויס פירות פון אנטי־סעמיטיזם.

און נאך די אלע פסוקים און דעם באשלוס, וואס קיין לאגיק בינדעט זיי נישט צונויף, איז זיך נישט צו וואונדערן אויפן „אורן־פונקט", וואס חזרט זיך איבער וועגן „א צופעליקן" פלאנטער פון טראגישע באדינגונגען".

„א צופאל", „א דורכפאל", „א פאריבערגייענדע ווענדונג"—דאס איז די אנשטרענגונג, דער כוח און א אינטעלעקטועלער יושר וואס איז אנטפלעקט געווארן אין דער „פשרה". דאס איז די פאליטישע שטעלונג און דער דערציערישער ווערט פון דער „דערקלערונג" פון מפ"ם צו די ארבעטער און יוגנט אין מדינת ישראל.

ג.

און עס איז נישט צופעליק „די ציוניסטישע פשרה" — סיי דאס וואס זי אנטהאלט און סיי דאס וואס עס פעלט אין איר.

דער באשלוס הינקט און זי איז פסול, ווייל געפסלט איז געווארן איר עצם יסוד וואס הייסט „חיפה'ער פלאטפארם". און אויך אין דעם באשלוס (וואס איז אנגענומען געווארן ביי דער קעגנערשאפט פון דער סיעה מק"י איגערהאלב מפ"ם), איז דערהויבן געווארן דער „פאן" פון חיפה'ער פלאטפארם. ער איז — די אסמכתא. ער איז — דער אויסגאנגספונקט. ער איז דער מקור פון ציטאטן.

און דער וועג צו רעכטפארטיקן דעם פראגער משפט פירט דורך די פינסטערע

געסלעך פון די חיפה'ער סטאנציע. דער מרחק פון יענער סטאנציע ביז פראגער משפט איז א מהלך מער ווי „צוויי שריט פארויס". אבער ווען עס קומען די „פשרה"־מענטשן צו מאכן איצט א „ריקצוג פון מער ווי איין שריט" — קערן זיי ווידער אום רואיק צו דער סטאנציע. און לויט דער לאגיק פון דער „מארש" פארויס־צוריק, ווערט פארוואנדעלט הייַנטצוטאג דער חיפה'ער־פלאטפארם אלס אנערקענטער באזיץ און בשותפות'דיקע באזע אויך פאר די „ציוניסטישע גרופן" אין מפ"ם.

און געוויס הינקט דערדאזיקער באשלוס און איז פסול, ווייל ער באגניגנט זיך בלויז מיטן „פינטעלע ייד". דווקא ווייל ער האט נישט קיין שום זאך פון נישט־יידישן אלגעמיינעם שטאנדפונקט. און דאמאלס צערפאלט די גאנצע באשיצונג אויף דעם יידישן און ציוניסטישן אינטערעס און פארוואנדלט זיך אין א אנטשולדיקונג און זעלבסטפארטיידיקונג אן לאגיק און אן מאראל.

און פראגער משפט האט ארויסגערופן א גרויס זארג נישט נאר צווישן די יידן אין גאר דער וועלט, נאר אויך אין דער גאנצער ארבעטער־באוועגונג און דערונטער אויך אין די קאמוניסטישע פארטייען אין די מערב־לענדער. נאך מער: לגבי די שטימונגען צווישן דער קאמוניסטישער פארטיי אין טשעכאסלאוואקיי, וועלכע באשטייט נישט נאר פון חברים פון „יידישער אפשטאמונג" האבן מיר געהערט פון כשרע מיניסטארן און זענען זיי אויך געטראפן געווארן לאוו דווקא אין „פינטעלע ייד".

אבער עס איז פאראן איין ארבעטער־פארטיי אין דער וועלט און זי הייסט מפ"ם, וועלכע האט ארויסגעוויזן קעגנאיבער דעם פראגער משפט דווקא א היפער־יידישע עמפפינדלעכקייט, היפער־נאציאנאלע אפילו נאציאנאליסטישע, ווייל וואס באזארגט מפ"ם און שרעקט זי אין דעם גאנצן פראגער קאפיטל איז נאר דער „יידישער צד": א בייַשפיל קאן דינען דער תלמיד פון דער באקאנטער מעשה, וואס האט פארבינדן אלץ אין דער וועלט מיט יידן, אפילו געשריבן א חיבור וועגן „עלעפאנט און יידן". און מיר האבן גארנישט געוואוסט, צו וועלכער „עקסקלוזיווער" נאציאנאלער עמפינדלעכקייט איז דערגאנגען מפ"ם!...

קען מען דאך נישט צערטיילן דעם פראגער משפט אין פארשידענע טיילן, בכדי אפצושיידן צווישן דעם „צופעליקן פלאנטער" און דעם קאפיטל אורן פון דעם „דורכפאל" און „ווענדונג" אין דעם קאפיטל פון יידן און ציוניזם, אדער כדי אפשיידן אויך דאס יידישע קאפיטל פון דעם „אלגעמיינעם" קאפיטל און דעם משפט.

גלייך ווי מען קען נישט אפשיידן צווישן פראגער משפט און פראגער רעזשים, און מען קלערט אונז דאך תמיד אויף, ווי „שרעקלעך" איז די אנדערע וועלט, אז אלץ איז דארט „פלאנירט", נישטו קיין „צופאל" אדער א „פאריבערגייענדער דורכפאל". אבער אויך פאר דערדאזיקער אויפקלערונג, האבן מיר תמיד געוואוסט, אז דער משפט איז א טייל פון רעזשים, און דעריבער האבן מיר גערעדט וועגן „קלאסן־יוסטיץ" און קאפיטאליסטישער ארדנונג. גלייך ווי מיר זענען געצוואונגען הייַנטצוטאג צו רעדן וועגן א פארטיי־משפט, ווען די פארטיי באהערשט צוליב אירע חשבונות און אויסרעכענונגען, אלע פרינציפן און כללים פון יורידישע אנשטענדיקייט.

און אזוי גוט איז אוממעגלעך אפצוטיילן צווישן פראגער משפט און דעם רעזשים פון אינטערנאציאנאלע באציאונגען וואס עקזיסטירן אין מזרח־בלאק מיט סאוויעט־רוסלאנד אין דער שפיץ. וואס פארא רעכט האבן צו רעדן די מחברים פון דער „פשרה" קעגן „שארפער ווענדונג און פארערגערונג פון דער באציאונג פון דער קאמוניסטישער וועלט צום ציוניזם"? צי איז די באציאונג צו אנדערע נאציאנאלע באוועגונגען א בעסערע? פארוואס דארף דאס טשעכישע

פאלק אנגעמען אן אפעלאציע דעם גזר דין פון אויבערשטער אינסטאנץ אין מזרח־בלאק אין דער צייט ווען מיר נעמען זיך דאס רעכט צו פראטעסטירן קעגן דער „ווענדונג“ און „דורכפאל“?

מיר וועלן איבערחזרן און זאגן, אז די איינשטעלונג פון „אתה בחרתנו“, וואס טענה'ט צוליב דעם אויסשליסלעכן יידיש־ציוניסטישן ספעציפיזם, איז נישט מער ווי א לאגישע און מאראלישע פעלשונג.

דערדאזיקער מיוחס'דיקער און באזונדערער „ייחוד“, וועלכער איז נוגע נאר דעם יידישן פאלק, איז נישט קיין שוץ־ליניע וואו מען קען זיך האלטן. אדער מען דארף איבערגעבן די יידיש־ציוניסטישע פראגע צו דער „דעצידירונג פון אינטערנאציאנאלן פראלעטאריאט“, ווי מען האט זיינערצייט פארלאנגט פון מפ"ם און וואס מק"י איז מקיים, סיי די וועלכע געפונען זיך אינערהאלב און אויסערהאלב פון מפ"מ. אדער מען דארף היטן אויף דער זעלבשטענדיקער באשטימונגס־רעכט פארן יידישן פאלק און פאר אלע פעלקער אין גאר דער וועלט, ווייל דאס איז דער ריכטיקער אינטערנאציאנאליזם, וואס שטיצט זיך נישט אויף דער „איינגלידערונג“ אין אנדערע, נאר אויף גלייכהייט און שותפות צווישן פעלקער און באוועגונגען ביי אלע שטופען און פארמען פון דעם „ייחוד“ פון יעדער באוועגונג.

דאס איז דער צענטראלער פונקט, ארום וועלכן מען קאן זיך נישט לאנג „דרייען“. און מען וועט אויך נישט זיך ארויסדרייען פון געבן א תשובה, אומאפהענגיק צי מען וועט עס רופן „טיטאאיזם“ און צי מען וועט עס רופן אין זיין פשוטן און אריגינעלן נאמען פון פאליטישע און גייסטיקע זעלבסטשטענדיקייט.

און דער וואס דרייט זיך ארויס צו געבן א תשובה דערויף, פארלעצט ער אויך די אויסזיכטן פון דעם „קאמף פאר דער ציוניסטישער אנערקענונג“. ער איז דער וואס איז גוזר אויף זיך צו שטאמלען עפעס א „פשרה“ פון האלב־פראטעסט און האלב משלים זיין. ער איז דער, וואס גראבט אונטער דעם יסוד פאר יעדן קאמף, וואס קען געבויט ווערן בלויז אויף קעגנזייטיקער אנערקענונג, אויף קעגנזייטיקן כבוד, אויף קעגנזייטיקע פריינטשאפט.

ער פארפלאנטערט זיך אויך אין פארפליכטונגען וועלכע ער וועט נישט קענען דערהאלטן. למשל, די פארפליכטונג פון דער מפ"ם־רעזאלוציע צו „שטעלן זיך אונערשיטערט“ אויף דער זייט פון יענע מדינות וואס „פירן א פארטיידיקונגס־קאמף געגן אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים, וואס איז א לעבנסנויטווענדיקייט פאר די לענדער פון סאציאליזם.“

צי פארפליכטעט אויך דאס צו שטיין אויף דער זייט פון פראגער ריכטער, ווי זיי זעהען די אויסערלעכע שונאים (ציוניזם, מדינת ישראל, מ. אורן און זיינע חברים) און ווי זיי פארשטייען זייער לעבנסנויטווענדיקייט איינצוארדנען די פראגער משפטים?

מען קען זיך נישט ארויסדרייען פון געבן א קלארע תשובה דערצו דורך א „באנאלע“ אויפקלערונג, וואס דערציילט אונז וועגן „פלעקן אויף דער זון“. שטרעבן מיר דאך אלע צו דער זון פון ארבעטער־הערשאפט, פון ארבעטער־משפט, פון ארבעטער־מאראל, אין באציאונגען צווישן מענטש און מענטש, פאלק און פאלק, פון גלייכהייט און כבוד. און דער פראגער פלעק איז עלול צו באשמוצן יעטוועדע זון פון ארבעטער־און מענטשלעכער וויזיע, ביי יידן און ביי נישט יידן. און עס איז דאך אומרייפבארע נאיוויטעט צו רעדן וועגן דער „זון באזונדער און פלעקן באזונדער“. ווייל מען קען אויך צוגעבן אז די אסטראנאמען קענען אויפקלערן, אז די פלעקן זאגן עדות דערויף, אז עפעס איז „נישט אין ארדענונג“ אין דער זון, ווי עס זעט זיך אויס פונדערווייטנס.

מען קען אפשר צערברעכן אלע מכשי־

רים וואס דערמעגלעכן צו קוקן אויף דער זון נישט ווערנדיק בלינד פון איר ליכט און דאס איז דער וועג וואס עס האט זיך אויסגעוויילט די מפ״ם מיט איר באשלוס, סיי מיט איר רעדן און סיי מיט איר שוויי־גן. אבער אין דעם וועג איז שוין שווער צו פירן היינט ארבעטער און יוגנט, מיט א ריין הארץ און א גלייכן שכל, וועלכע וועלן אומזיסט זוכן אין דער „פשרה״ פון מפ״ם די תשובה פון לאגישער איבערצייגונג, פון א פאליטישער שטעלונג און פון דערציערישן־מאראלישן ווערט.

ד.

אבער דעם באשלוס פון מפ״ם קען מען אנאליזירן נישט נאר „אזוי ווי ער איז״, אזוי ווי ער דערשיינט פאר חברים, סימפאטיקער און קעגנער, מען קען עס אויך אונטערזוכן פון שטאנדפונקט פון אינערלעכן קאמף, אין אלע אירע אנטוויקלונגען, און פון דעם שטאנדפונקט קען מען „מלמד זכות״ זיין אויף דעם באשלוס אלס נישט־נארמאלע שאפונג וואס איז געבוירן געווארן אין א נישט־נארמאלער משפחה. די פראגע איז נאר: צי און ווי וועט אמאל מפ״ם דערגיין צו וועלכן עס איז „נארמאלן״ צושטאנד?

עס זענען דאך געווען אין דער נאנסטער און ווייטערדיקער פארגאנגענהייט נישט־ווייניקע מעגלעכקייטן און געלעגנהייטן. ווער האט דען ארויסגעריקט די סנה׳איסטן ביי די ערשטע שריט פון מפ״ם און איבערגעגעבן זיי די השפעה? און ווער האט פארוואנדלט די „ליגע פאר פריינטשאפטלעכע באציאונגען״ (ליגה לקשרי ידידות) אלס סופער־פארטיי וואס איז געבויט אויף פערזענלעכע מיטגלידערשאפט, ווען דער סעקרעטאר פון דער ליגע איז נישט קיין פארשטייער פון דער פארטיי, נאר ווערט אויסגעוויילט דורך דעם פרייען ווילן פון די מיטגלידער פון דער „ליגע״? און ווער האט משלים געווען מיט חיפה׳ער פלאטפארם אלס אידעאלאגישער און פאליטישער וועגווייזער פאר דער גאנצער פארטיי? און ווער האט משלים געווען אין מסכים געווען צו די אלע נסיעות (דורך פראג) קיין בערלין צו רעפרעזענטירן מפ״ם, אזוי ווי זי איז געווען פארגעשטעלט איצט אין ווין, נאך פראג? ווער האט זיך צוגעאיילט אויסצודרוקן זיין אומבאדינגטע אונטערשטיצונג אין דער נאציאנאלער מצרישער באוועגונג, פון וועלכער איז וואקסט ארויס דער נאציזם און אנטי־ישראליזם פון נאגיב און זיין כנופיה?

בעסער אויך נישט פארטצוזעצן מיט די פראגען, אויף וועלכע עס איז תמיד געגעבן געווארן איין תשובה, אויסמיידן די שפאלטונג פאר יעדן פרייז! אבער אין דעם איז געווען די נקמה פון גורל און לאגיק: אויך נאכדעם ווי מפ״ם האט זיך נישט ארויסגעדרייט פון איין שפאלטונג (נאך אונזער אוועקגיין) שטייט זי ווידער אויף דער שוועל אדער אין פראצעס פון ווייטערדיקע שפאלטונג אדער שפאלטונגען.

און זאל מען אונז מוחל זיין, ווען מיר דערמאנען דאס הומאריסטיש בילד פון איינע פון די ישראלדיקע צייטונגען, נאכן ערשטן פילוג, ווען מפ״ם איז פארגעשטעלט געווארן, ווי איינע שניידט אפ „ביידע עקן״ פון שטעקן, און קיינמאל הערט נישט אויף די ארבעט, ווייל תמיד פארבלייבן דאך די „ביידע עקן״ און אזוי ווייטער, ביז דער שטעקן פארשווינדעט אינגאנצן.

אונטער אט דער קאמישער באשרייבונג באווייזט זיך דער טראגישער יסוד פון דעם גורל פון דער פארטיי, וואס עס איז צווייפעלהאפט, צי זי וועט זיך נאך קענען אפהאקן דעם גאנצן מאקיסטישן „עק״, נישט איבערלאזנדיק פאר א ווייטערדיקן וואוקס.

„צום זכות״ פון די סנה׳איסטן מוז געזאגט ווערן, אז זיי פעלט נישט די קלארקייט. אבער דער קאמף וועט זיין א פארשפילטער פון פארויס, אויב מען וועט נישט אנשארפן דאס טייערסטע געווער: נישט פון טאקטיק און פארמולעס, נאר פון גייסטיקן מוט און געוויסנס־כוח. („מאבק״, 2.1.53)

די וואס בערעכטיקן דעם דין מאסקווע

א. דאס פאלק און די מדינה

דאס מאל איז די כוונה נישט צום מאסקווער משפט, פאר וועלכן עס דארף אין קורצן דערשיינען די גרופע פון די יידישע דאקטוירים און דאס י ו ס ט י ץ מיניסטעריום פון דער סאוויעט־רוסישער רעגירונג באשעפטיקט זיך איצט דערמיט. איצט קומט דא אין פראגע דער מאסקווער משפט פון א ו י ס ע ר ן מיניסטעריום פון דער רעגירונג, וואס האט גוזר געווען נישט אויף א גרופע י י ד ן־י ח י ד י ם, נאר אויף די גאנצע מ ד י נ ה, אויף די יידישע מדינה, מיט וועלכער מען האט איצט איבערגעריסן יעטוועדע באציאונג.

דער אמת איז, אז עס איז נישט פאראן קיין שום וועזנטלעכער אונטערשיד צווישן דיביידע משפטים און די ביידע אמטן טוען דאסזעלבע און אין איין ריכטונג (אחוץ אנדערע אמטן, למשל, אינערן, שוץ און קולטור־מיניסטעריום), וואס אויך זיי אינטערעסירט איצט „דאס פינטעלע ייד", אלס אקטועלער אביעקט פאר רייניקונג און שטראף. ביי דער געלעגנהייט רוקט זיך ארויס דער פאקט וואס גראד דער אויסערן־מיניסטער וועלכער האט אפגעגעבן די דערקלערונג וועגן איבעררייסן די באציאונגען, איז אויך דער באקאנטער פראקוראר אין די גרויסע רייניקונגס־משפטים.

אבער די פארבינדונג צווישן די אלע שטראפן, ריכטער און משפטים האט א פיל טיפערן יסוד ווי די אלע פארבינדונגען צווישן די פארשידענע אמטן אין דער צענטראליסטישער רעגירונג פון סאוויעט־רוסלאנד. דאס איז דאך די אומצערייסבארע פארבינדונג וואס אט די רעגירונג אנערקענט (מיט פולע רעכט!) צווישן יידישן פאלק, ציוניסטישע באוועגונג און מדינת ישראל.

דידאזיקע פארבינדונג האבן געפרווט איבעררייסן נישט די מאכטהאבער פון סאוויעט־רוסלאנד, נאר דווקא די ארבעטער־פארטייען אין מדינת ישראל, וועלכע קעגנאיבער די אנפאלן און דרוק פון סאוויעט־רוסלאנד האבן געזוכט „זיך איינשאנצן" אין וועלכער עס איז שוץ־ליניע און האבן זיך אויסגעוויילט „נאר" די שוץ אויפן ציוניזם. א וודאי, אין דער שוץ־ליניע איז אוממעגלעך זיך איינשאנצן און באשיצן. דא קען מען נאר „דורכפאלן" פון אידעאישן, מאראלישן און פאליטישן שטאנדפונקט צוזאמען.

ווייל דיווירקלעכקייט און פאליטישע לאגיק זענען אויף דער זייט פון די פירער פון סאוויעט־רוסלאנד, וועלכע ווייסן תמיד צו קלאפן איינע פון די ר י נ ג ע ן ווען זיי צילן זיך צו דער גאנצער ק י י ט. זיי ווייסן דארט גאנץ גוט, אז די ציוניסטישע „רינג" איז נישט מער ווי די מיטלסטע רינג, וואס פארבינדעט די אנדערע צוויי רינגען: דאס יידישע פ א ל ק מיט דער יידישער מ ד י נ ה. און דעריבער האבן מיר געקענט זיינערצייט זאגן, פון דער כנסת־טריבונע. אז דעם קרייץ־צוג פון שטראפן און באשמוצונג אין דעם אנטיסעמיטישן נוסח פון פראגער משפט, איז אויך צו זעהען אלס „טראגישסטן טריאומף פון דער ציוניסטישער טעזע".

ווייל דער ציוניזם (אלס באוועגונג און אידעאלאגיע) ערשיינט פאר די פראגער און מאסקווער ריכטער אלס פסעוודאנים פון יידנטום, פון יידישן פאלק, דעריבער אויך איז די נ ע ג י ־ ר ו נ ג פון ציוניזם א פועל יוצא פון דער נעגירונג פון י י ד נ ט ו ם, אלס

איין פאראייניקט פאלק אין גאר דער וועלט. גלייך ווי עס איז לאגיש אז די נעגירונג פון ציוניזם זאל דינען אלס צייכן און באווייז צו באנייען די טראדיציאנעלע שטעלונג בנוגע דעם רעכט פון זעלבסשטענדיקן קיום פון יידישן פאלק. און דידאזיקע לאגיק פארוואנדלט דעם אנטיציוניסטישן צוגאנג אלס געפאר פון „אנטי־יידישע דערשיינונגען“.

אבער עס איז א אספק, צי די פירונג פון סאוויעט־רוסלאנד האט א גרויסן אינטערעס אין דעם ציוניזם, אויב ער פארבלייבט נאר א באוועגונג און נאר א נאציאנאלע אידעאלאגיע. דער גאנצער אינטערעס ליגט אין דעם, אז די מיטעלע „רינג“ פון ציוניזם זאל דערשיינען אלס א „רעהר“ וואס דורך איר פארמיטלונג ווערן פארוואנדלט די באוועגונג און די אידעאלאגיע אין א כוח און אין א רעאליטעט וועלכע אנטפלעקט זיך נאר אין מדינת ישראל.

און קיינער נישט ווי די פירער פון סאוויעט־רוסלאנד ווייסן אפצושאצן דעם ווערט פון כוח. קיינער נישט ווי זיי ווייסן זיך צו באציען מיט דרך ארץ צו דער מלוכהש־פאליטישער אנטפלעקונג פון יעדן רעאלן כוח. דאס איז דאך דער יסוד פאר דעם גאנצן אידעאישן און פאליטישן בנין אויף וועלכן עס איז אנטשטאנען און שטייט סאוויעט־רוסלאנד, ווען די מדינה איז „איבער אלעס“.

און וויפיל תמימות און מאנגעל פון אידעאישער רייפקייט דארפן זיך אנטפלעקן ביי אלע „לייטונגען“ און „פירער“ פון מפ״ם, אז זיי זאלן באהויפטן, דאס דער אנגריף וועט טרעפן אין דער ציוניסטישער באוועגונג אבער וועט אויסמיידן מדינת ישראל.

עס איז אמת, אז זיינערצייט האט סאוויעט־רוסלאנד געגעבן די פולע אנערקענונג און שטיצע מדינת ישראל.

און אויך ביי דעם ריס טאר די זאך נישט פארגעסן ווערן און אויך נישט ווערן פארטושט ביים יידישן ישוב אין מדינת ישראל און ציוניסטישע באוועגונג אין גאר דער וועלט. עס זעט אבער אויס, אז מען פילט א נויטווענדיקייט און א אינטערעס איצט רעווידירן דידאזיקע באציאונג צו מדינת ישראל קעגנאיבער די דריי יסודות (לויט דער קלאסישער באשטימונג) לויט וועלכע מען אונטערזוכט יעטוועדע מדינה אין דער וועלט. און די יסודות זענען: טעריטאריע, פאלק און צענטראלע מאכט.

און מען מוז מודה זיין, אז פון אלע דריי עלעמענטן האבן נישט ארויסגערופן דעם אינטערעס פון סאוויעט־רוסלאנד נישט די נויטן פון יידישן פאלק, אויך נישט די פארם פון שטאטליכן געבוי אין א״י. דער הויפטאינטערעס פון סאוויעט־רוסלאנד איז געווען אין אט דער טעריטאריע, אין אט דעם געאפאליטישן פונקט און סטראטעגישער באזע פונוואנעט זי האט געוואלט פארטרייבן די בריטישע גרויסמאכט.

די איבעריקע צוויי עלעמענטן — די נויטן פאלק און די פארם פון דער הערשאפט — איז נישט מער ווי א „הילפס“ ווערט און מיטל צו דערגרייכן דעם הויפט־ציל. און דעריבער האט מען געקאנט דאמאלס רעדן וועגן „יידישן פאלק“ אלס וועלט־דערשיינונג און אויך אנטוויקלען א טעאריע וועגן „צוויי פעלקער“ וואס זיצן אין ארץ־ישראל פון א מין „יישוביסטישן“ צוגאנג. ווייל דער עיקר איז דער רעאלער כוח וואס האט זיך צונויפגעזאמעלט אין און ארום דעם פונקט און מיט זיין הילף קאן מען אויסגרובן א גרוב דער בריטישער מאכט אין דעם ווינקל פון מיטללענדישן ים און דאמאלס איז שוין גארנישט וויכטיק, צי דאס וועלן זיין בלויז יידן אדער יידן און אראבער צוזאמען.

דעריבער האט מען געקאנט דאמאלס פארשלאגן מיט איין מאל צוויי פארשלאגן צו לייזן דאס פראבלעם פון דער פארוואלטונג אין דעם לאנד: אדער חלוקה צווישן צוויי נאציאנאלע מדינות אדער א פאריייניקטע אידיש־אראבישע מדינה. דאס וויטיקסטע איז אז ביי בײדע פאלן זאל די בריטישע הערשאפט פארלירן דעם באדן אונטער די פיס.

א וודאי, דער גורל פון דער „טעריטאריע" איז געווען דאמאלס דער רעאלער יסוד פאר דער אנערקענונג און אונטערשטיצונג וועלכע מיר האבן ניט ערווארטעט, און צי איז דען פאראן בכלל א מער רעאלער ווערט ווי „טעריטאריע"!

און דווקא איצט הויבט מען אן צו פארשטיין דאס וואס סאוויעט־רוסלאנד האט אפגעטיילט די עוויקע בריטן פון יידישן פאלק פון דער אקטועלער וויכטיקייט וואס עס האט מדינת ישראל. און דער איינדרוק ווערט פיל שטארקער אז דידאזיקע בויטן פון דעם פאלק „וואס קערט צוריק אין זיין פאטערלאנד" איז נישט געווען ביי איר מער ווי יענער „נעגער" וואס האט דערפילט זיין אויפגאבע צו לייזן איינע פון די אקטועלסטע פראבלעמען פון דער אינטערנאציאנאלער פאליטיק. און היינט קען מען אים פארטוישן אין אנדערע „נעגערס" צווישן דעם אראבישן פאלק אין און ארום דער מדינה.

און קעגנאיבער דער ערנסטער ווענדונג און די באציאונגען פון סאוויעט־רוסלאנד צו מדינת ישראל אנטשטייט (וויינקסטנס) דאס געפיל פול מיט זארג, אז דאס אקטועלע רעכנען זיך מיט מדינת ישראל דורך סאוויעט־רוסלאנד איז עלול צו זיין נישט מער ווי א „פארבייגייענדע „סעזאן־דערשיינונג".

ב. די מדינה און די רעגירונג

דאסדאזיקע געפיל פול מיט זארג קען מען פראוון מבטל צו מאכן דורך דער הנחה, אז די ווענדונג מצד סאוויעט־רוסלאנד איז נישט חל קעגנאיבער דער מדינה נאר קעגן דער רעגירונג אליין. און דידאזיקע טענה הערט מען לעצטענס אויך פון דער כנסת־טריבונע, אין דערקלערונגען און פארשלאגן פון אלע דריי פראקציעס אין דעם „פראנט פון 18" (מפ"ם, מק"י און די פראקציע פון מ. סנה).

פון תמיד האבן מיר געוואוסט אונטערצושיידן צווישן רעגירונג און מדינה. מיר האבן אויך געלערנט צו וויסן, אז פאר די חטאים פון דער רעגירונג ווערט באשטראפט די גאנצע מדינה. און נעמען מיר אָן אז מען קאן גארנישט פארקלענערן די אלע חטאים וועלכע מען האט איינגעפינען ביי דער רעגירונג פון מדינת ישראל. האבן מיר דאך נישט געדארפט ווארטן ביז דעם איבערדרייס פון די באציאונגען, כדי אויסצואיבן א קריטיק אויף דער אויסערלעכער פאליטיק פון דער רעגירונג פון מדינת ישראל.

אבער ווען מען רעכנט אויס אין דער רעגירונג די אלע חטאים און פעלערן און זענען מוסיף נאך מער צו זיי, איז אויך דאמאלס גארניט פארענפערט געווארן, ווייל אויך דאמאלס אנטשטייט די פשוטע פראגע: אויב דאס איז דער חטא פון דער רעגירונג, צי דארף דאס זיין די שטראף פון דער מדינה?

אויף דער פראגע ענטפערט דער „פראנט פון 18" פאזיטיוו: אזוי דארף זיין די שטראף. מען קומט נאר בעטן רחמים אין דעם משפט, באטראכטנדיק דעם פסק־דין פאר ריכטיק.

בכדי צו באלויכטן דעם צוגאנג איז אפשר כדאי זיך אביסל אפשטעלן אויף איין פאקט, וואס האט געדינט אלס

געלעגנהייט ביי דער רעגירונג פון סאווי־רוסלאנד איבערצורייסן די באציאונגען מיט מדינת ישראל. דאס איז אויך דער פאקט וואס האט זוכה געווען צו זיין אזוי בולט אין אלע דערשיינונגען פון „פראנט פון 18״. דאס איז דאך די באמבע וואס איז געווארפן געווארן אויף דער סאוויעטישער אמבאסאדע אין תל־אביב.

אין דעם פארשלאג פון מפ״ם אין דער כנסת איז פעסטגעשטעלט געווארן. אז די רעגירונג „האט נישט געוואוסט אויסצומיידן דעמדאזיקן נידערטרעכטיקן אטענטאט״. און עס איז נישט קלאר, צי „נישט געוואוסט״ הייסט „נישט געקענט״ אדער „נישט געוואלט״.

זאלן מיר איבערלאזן די אלע מעגלעכע פירושים. דער אטענטאט איז דאך א פאקט און די אחריות פון דער רעגירונג פאר דער אויפפירונג פון די מאכט־ארגאנען אין דער מדינה איז אויך א פאקט וואס יעדע רעגירונג קאן דערויף מכפר זיין דורך אנגענומענע וועגן פון אנטשולדיקונג און מודה זיין זיך אין דעם באדויערונגסווערטן דורכפאל.

אבער עס עקזיסטירט נאך א מדינה אין דער וועלט וואס האט אויך א רעגירונג און באזיצט נישט קיין ווייניקע שוץ־כוחות. און עס שטעלט זיך ארויס, אז אויך דארט האט די רעגירונג „נישט באוויזן צו פארמיידן״ און דווקא שווערע חטאים.

יעדנפאלס דערציילט דידאזיקע רעגירונג אליין, ווי אין 35־טן יאר פון איר עקזיסטענץ „דעקט זי אויף״, אז זי האט נישט געקאנט פארמיידן דאס „פארסמען״ דורך דאקטוירים און אנדערע שווערע סאבאטאזש־אקטן אין פארשידענע שטחים און אין פארשידענע אמטן פון מלוכה־אפאראט. פונדעסטוועגן איז אויך נישט פסול די מדינה צו קומען מיט איר אין בארירונג און די רעגירונג איז נישט פסול ביי נאנטע און ווייטע פריינט.

און נאך איין קלייניקייט: יענע רעגירונג האט נישט בלויז „נישט געוואוסט צו פארמיידן״ נאר אויך נישט געוואוסט צו ענטדעקן יענע פארברעכנס און פארברעכערס וואס זענען ערשט איצט „ענטדעקט״ געווארן אין מאסקווע און אין פראג.

און ס׳איז גאנץ משונה, וואס דערדאזיקער רעגירונג האט מען נאך נישט פארגעלייגט אויסצודריקן אומצוטרוי.

ס׳וועט בעסער זיין (אויך לטובת דעם „פראנט פון 18״) צו פארלאזן דעם פינסטערן און מיסטעריעזן שטח פון דעם קרימינעלן פארברעך וואס איז אויסגעפירט געווארן אין דער פינסטערניש פון יענע נאכט און זאלן מיר איבערגיין צום שטח פון פאליטישע און אפענע חטאים, וואס איז באגאנגען די רעגירונג פון מדינת ישראל.

די רעדנער פון „פראנט פון 18״ זענען דאך געווען געצוואונגען מודה צו זיין אין דער כנסת, אז אזעלכע חטאים (און שווערערע פון זיי) ליגן אויך אויף רעגירונגען פון אנדערע מדינות און פונדעסטוועגן — האט מען אויף זיי נישט ארויסגעטראגן קיין אורטייל פון איבעררייסן די באציאונגען.

און פארוואס? דא קומט די באלערנדע אויפקלערונג. עס שטעלט זיך ארויס, אז דאס וואס עס מעגן אנדערע רעגירונגען איז אונז פארבאטן. מיר טארן נישט האבן קיין רעגירונג וואס פאלט דורך מיט איר פאליטיק, ווי אנדערע מדינות פון מערב־בלאק. די אנדערע מדינות קען מען באשטראפן דורך א ענדערונג אין די באציאונגען צווישן די רעגירונגען — דירעקט אדער אין דעם פארום פון אונא, אין שטחים פון האנדל

און פאליטיק — ווי עס איז אנגענומען אין דער וועלט, אבער מדינת ישראל קען מען און מען דארף באשטראפן דורך איבעררייסן די באציאונגען צווישן די מ ד י נ ו ת. דאס איז די שווערסטע שטראף אין דעם קאלטן קריג.

ווייל עס שטעלט זיך ארויס. אז מדינת ישראל איז אנטשטאנען און עקזיסטירט נישט ב ז כ ו ת ווי אנדערע פעלקער און מדינות, נאר ב ח ס ד — מיט דעם חסד וואס עס איז געטון געווארן דורך די באשלוסן פון אונאָ און נישט מיטן זכות פון עליה, ארבעט און הגנה פון יידישן ישוב אין ארץ ישראל און די ציוניסטישע באוועגונג.

קלאר און דייטלעך, אָן בושה, האט איינער פון די פירער פון „פראנט פון 18„ (מ. סנה) ארויסגעבראכט די טענה, אז דער עצם קיום פון ב א צ י א ו נ ג ע ן מיט מדינת ישראל איז מיט א ב א ד י נ ג, דאס די מדינה זאל פירן אזא פאליטיק און נישט קיין אנדערע.

דא איז דאך געשאפן געווארן דער באגריף פון „א מדינה מיט א באדינג״ („על־תנאי־מדינה״ לויט דעם פאנעטישן אויסדרוק פון „אלטניילאנד״) פון א מדינה בחסד, פון א שוץ־מדינה. און עס איז דאך באקאנט, אז דער וואס ג י ט די שוץ האט אויך דאס רעכט צ ו נ ע מ ע ן די שוץ און מבטל מאכן יעטוועדע פארבינדונגען און „באציאונגען״.

אזעלכע באגריפן האבן געקאנט געבוירן ווערן נאר ביי א „שוץ־ייד״, וועלכער איז אפהענגיק פון דעם וואס גיט אים די שוץ. און דאס איז דער פארלעצטער גלגול פון די וואס זענען ווי אריינגעשפרונגען אין דעם פראצעס פון „איינשליסונג״. ווייל דעם לעצטן גלגול איז קיינמאל נישט מעגלעך פאָרויסצוזעהען, ווייל קיינער האט נאך נישט געמאסטן די טיפעניש פון דעם אָפגרונד.

דא טרעפן זיך די וואס ב א ק ו מ ע ן שוץ (אין דעם „פראנט פון 18״) מיט די וועלכע ע ר ט י י ל ן די שוץ (אין דער אנפירונג פון סאוויעט־רוסלאנד) — טרעפן זיך אין דעם פונקט פון „באציאונג״ צו מדינת ישראל, אלס „סעזאן״־דערשיינונג לויט די נויטן פון דעם „פאליטישן סעזאן״ און לויטן וועטער אין אינטערנאציאנאלע באציאונגען.

ג. די פארטיי און די מדינה

מיר זעצן פארט דא צו באהויפטן וועגן „פראנט פון 18״ אלס בשותפותדיקער פראנט פון דריי פארטייען וועלכע באטייליקן זיך אין אים. נישט מיר האבן ערפינדן און נישט מיר האבן באשאפן דידאזיקע פארייניקונג. זי איז באשאפן געווארן דורך די דריי פארטייען אליין: דורך צוזאמענארבעט אין די גאסן־דעמאנסטראציעס אין תל־אביב און דעם בשותפותדיקן פארשלאג און אפשטימונג אין דער כנסת וועגן אומצוטרוי דער רעגירונג.

און ווען מיר וואלטן געוואלט אפטיילן צווישן די שותפים, וואלט עס אויך נישט לייכט געווען צו געפונען דעם אונטערשיד.

עס איז איבעריק יעדע טירחה אָפצוטיילן צווישן מק״י און דאס וואס מען רופט „חטיבת השמאל״ פון מ. סנה.

אבער אויך אינערהאלב מפ״ם איז נישט צו שטעלן פראגן קעגנאיבער „ה־שומר הצעיר״. דער וויכוח מיט אים „וועגן דער מדינה״ האט זיך דאך נישט נעכטן אנגעהויבן, נישט מיטן איבעררייס פון די באציאונגען מצד סאוויעט־רוסלאנד. צי דארף מען דערמאנען דעם „בי־נאציאנאלן קאמפלעקס״?! ערשט נישט לאנג האבן מיר דערמאנט (זע „וועגן וואס איז דער וויכוח״, „מאבק״ נומער 13) איין פונקט פונם פראגראם וואס השומר־הצעיר האט געבראכט צו דער ועידת־חיפה, און וואו מיר

האבן געפונען אזא „טעארעטישן" פערל ::

„אין דער צייט ווען די יידן אין ישראל און אויסערהאלב איר זענען א נאציאנאלע איינהייט, בילדן די מאסן פון די יידן און אראבער אין מדינת ישראל א מלוכה־איינהייט, געשטיצט אויף א בשותפותדיקע פאליטישע און טעריטאריאלע עקזיסטענץ און פארפליכטעט צו זארגן פאר זייערע באזונדערע נויטן און גערעכטע נאציאנאלע באשטרעבונגען".

זאלן מיר און אונזערע לעזער זיך דאס מאל באפרייען פון איבערצוחזרן דעם אנאליז וועלכן מיר זענען געצוואונגען געווען צו מאכן לגבי דעם הויפן פון ברוך־זאצן און ברוך־געדאנקן, אבער גראד פון דעם הויפן ווערט בולט, אז דער השומר־הצעיר איז נאך אלץ נישט משלים מיט דער „מדינה אזוי ווי זי איז" און דרייט זיך אהין און אהער צווישן די באגריפן פון פאלק, מדינה און טעריטאָריע.

די וועלכע זענען געווען מסוגל צו ברענגען צו דער פארטיי־קאנפערענץ אזא אידעאלאגישע שאפונג, זענען מוכשר אנצונעמען יעטוועדע תורה וואס זאגט: דאס פאלק באזונדער, די טעריטאָריע באזונדער און די מדינה באזונדער. די זענען אויך מסוגל צו יעטוועדן רעצידיוו פון זייער „אריגינעלער" תורה וועגן „בי־נאציאנאלער" מדינה.

אבער וואס האט עס צו טון מיט די געוועזענע „אחדות העבודה"? וואו איז דער פאליטישער פאטאס פון „אחדות־העבודה"? ווי אזוי איז עס געשעהען, אז אויך די האבן זיך מיטגעשלעפט מיט דעם פארשלאג און אפשטימונג אין דער כנסת?

אן אמת איז, אז מיט יארן צוריק, ווען לאחדות העבודה, דאן נאך א זעלבסטשטענדיקע פארטיי, האט זיך אנגעשלאסן אָן השומר־הצעיר (אויף א זיצונג פון וועד הפועל פון דער הסתדרות ביים ערטיילן אינסטרוקציעס דער דעלעגאציע צום קאנגרעס פון פראפעסיאנעלן אינטערנאציאנאל) און פשוט אויסגעמעקט דעם באגריף און ווארט פון יידישע מדינה. און עס איז נישט קיין צופאל אז די „שדכנים" פון דער אנשליסונג זענען געווען די וועלכע האבן זיך אין פארשידענע פארמען אפגעגרעניצט פון דעם אנטי־בריטישן מאבק און זיי זענען געווארן די הויפט־מחותנים ביי דער פארייניקונג מיטן השומר־הצעיר, אין דעם אויפשטעלן פון מפ"מ.

אבער דידאזיקע אפשטימונג איז דאך נישט געווען מער ווי א פאריבערגייענדע „ליכט־דעמערונג" און נישט דאס האט באשטימט דעם וועג פאר פלמ"ח אין קאמף פאר דער אויפשטעלונג פון דער יידישער מדינה.

און ווידער איז געקומען די אומגליקלעכע פארפלאנטערונג ווען די חברים פון אחדות־העבודה פארטיידיגן די מפ"מ־רעזאלוציע, וועגן דעם איבעררייס פון באציאונגען מיטן ראטן־פארבאנד, און אין וועלכער ס'ווערט פעסטגעשטעלט סיי „דער אונטערגרונד אין דער אנטיציוניסטישער באציאונג פון סאוויעט־רוסלאנד צו אונז" און סיי פולע אחריות וואס פאלט אויף די ישראל־רעגירונג.

א וואונדערבארע חלוקה! נאך דעם ווי די באציאונגען זענען איבערגעריסן געווארן לויט דער איניציאטיו פון סאוויעט־רוסלאנד, טאָר מען נישט ארויפלייגן אויף איר קיין שום אחריות, קיין שום קריטיק, קיין שום „אומצוטרוי" נאר איין דעליקאטע זאך וואס הייסט „אונטערגרונד". אבער די גאנצע אחריות און שולד פאלט אויף אונז, אויף אונזער רעגירונג און מיר דארפן

זיך צוזאמענשליסן הינטער איר דעם „פראנט פון 18״.

זיך צואיילן מודה צו זיין און „זיך מתוודה זיין״, א עפענטליכן פאליטישן ווידוי פון דער כנסת־טריבונע. און מיט א לאנגן „על חטא״ דארפן מיר קלאפן אונזער מדינה ווייל זי דולדעט אזא רעגירונג. און צוזאמען מיט דעם „על חטא״ דארף מען רעכטפארטיקן דעם מאסקווער משפט, וואס באשטראפט אונז, מאכט אונז א פארוואורף און גיט אויך א ווינק אין פאל ווען מיר וועלן צוזאגן „זיך גוט אויפצופירן״.

און אונטער דעם „פאַן״ פון אזא פארמולירונג דארפן מיר ארומגיין אין די גאסן פון תל־אביב, אין געשלאסענע רייהען מיט מק״י און סנה־לייט, נאכשלעפן זיך נאך זיי, כדי צוזאמען טראגן די אחריות פאר אלעם וואס וועט געטון ווערן מיט אונז אין צוזאמענהאנג מיטן איבעררייסן די באציאונגען.

אונטער דעם „פאַן״ ווערט מפ״ם אויפגעפאדערט צו דערפירן אחוץ דעם אויסערלעכן ריס אויך צו א אינערלעכן ריס אין דער מדינה און נאכן איבעררייסן די אויסערלעכע באציאונגען אויך בייפירן צו איבעררייסן די אינערלעכע באציאונגען און אוועקשטעלן די באריקאדע אין מיטן גאס, בכדי

יעדער באוואוסטזיניקער מענטש אין דער מדינה, וואס האט נאך וועלכן עס איז אינטערעס אין דעם געזעלשאפטלעכן און פערזענלעכן גורל פון די אחדות־העבודה־לייט, וואס האבן זיך נאך נישט באפרייט פון דער מפ״מישער געפאנגענשאפט, וועט קענען פרעגן:

צי די אינערלעכע ארומרייסענישן און אינערלעכע „איבערבעטן זיך״ האט פארטעמפט אלע חושים, אז איר זאלט נישט פילן מער וואו און ווען האלט איר אייערע רעדעס און מאכט אייערע פארשלאגן?

צי צוליב דעם האט איר דורכגעפירט די „רייניקונג״ פון מ. סנה בכדי זיך נאכשלעפן נאך אים אין די גאסן און אויך אויף הויכע טריבונעס?

און ווער איז דער אחיתופל וואס שטעלט אייך צו אָן אויפהער די עצות פון מבטל מאכן זיך און זיך אויך מבזה זיין?

צי ווייסט איר, צי זעט איר: וואו איר שטייט? און וואוהין איר גייט?

(„מאבק״, 20.2.53)

מאבק

לנאמנות ציונית-סוציאליסטית

שבועון המפלגה „לאחדות העבודה"

בעריכת **ד. ליבשיץ**

בתוכן:

שאלות מדיניות.
בעיות תנועת־הפועלים בעולם ובישראל
מדור „במערכות הכלכלה"
„ „המאבק לתרבות"
„ „הנוער למאבק"

להשיג אצל כל מוכרי העתונים. המחיר 100 פר'

נמצא במכירה הכרך של 50 הגליונות הראשונים.

עם הזמנות לפנות לפי הכתובת: „מאבק", תל־אביב, ת. ד. 1511.

„מאבק"־ביבליאטעק

ארויסגעגעבן דורך דער פארטיי „לאחדות העבודה"

דערשינען:

א) **צו די שופטים פון פראג און מאסקווע.**

דערשיינען אינגיכן:

ב) **דער אונטערגאנג פון מפ"מ.**

ג) **צווישן מזרח און מערב.**

צו באקומען ביי אלע צייטונגס־פארקויפער. פרייז 200 פר.

אדרעס פאר באשטעלונגען: „מאבק", תל־אביב, ת. ד. 1511.

„MAAWAK“ — LIBRARY,
TEL-AVIV, P.O.B. 1511

ISBN:0-657-05119-5

דפוס „מולדת" יפו, רח' 344 מס' 5 טל. 80808.